# דער יוד

# (DER JUDE)

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאַג: חברה „אחיאסף“.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב יאָהרליך —.3 רוביל:
פיערטעל יאָהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 — רוביל
דען 1טען אפריל — 2 — „
דען 1טען אויגוסט — 1 — „

ענדערען די אדרעססע קאסט 20 קאפ.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.6 פלארין.
האלביאָהריג —.3 „
פירטעליאָהריג 1,50 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Krakau, 22 Februar 1900. — נומר 7. — קראקויא, אדר א׳ תר"ס.


ה. תר"ס ← וואכען־קאלענדער (לוח) → 1900

| די טעג פון חודש | וואָך | אדר א׳ (פעווראל) פעברואַר־לוטי | | נייער ס. פעבער | אלט. ס. פעווראל |
|---|---|---|---|---|---|
| כו | זונטאג | | | 25 | 13 |
| כז | מאנטאג | | | 26 | 14 |
| כח | דינסטאג | | | 27 | 15 |
| כט | מיטוואך | | | 28 | 16 |
| ל | דאנערס. | א׳ דר"ח אדר ב׳. | (מעריך | 1 | 17 |
| א | פרייטאג | ב׳ דר"ח. | | 2 | 18 |
| ב | שבת | פ׳ פקודי, הפסקה. | | 3 | 19 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| כ"ו | ה ש"פ | געשטארבען דער בעוואוסטער רב פון דער פורטוגיזישער געמיינדע אין אמשטרדם ר׳ יצחק עוזיאל. |
| כ"ז | ה. ת"ט | געשטארבען דער בעריהמטער יודישער געלעהרטער ר׳ יהודה אריה די מודינא |
| כ"ח | ה.רפ"ח | פורים של מצרים, איינגעריכטעט דורך שטארקע יודען־פערפאלגונגען אין קאירא. |
| כ"ט | ה תקס"ו | די לעצטע אספה פון יודישען סנהדרין וועלכע נפליון I האט צוזאמענגערופען. |


אינהאלט:

א) דער ציוניזם און דאָס פאָלק. יוסף קלויזנער.
ב) די פאָלקסבילדונג אין ענגלאנד. י. ל.
ג) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ד) בריעף פון ווילנא. ב. ג.
ה) צום בילד.
ו) די יודישע ארבייטער אין ארץ ישראל. א בילד.
ז) יודישע שטעדט און שטעדטליך. אמת.
ח) די יודישע וועלט.
ט) אלגעמיינע וועלט נייעס.
י) ציון ליעדער. געדיכט. ש. פרוג.
יא) די פאמיליען-פאפיערען. א. ש. פריעדבערג.
יב) די געשיכטע פון דער זשארגאָנישער ליטעראטור. מ. נ. סירקין.
יג) א וועלט מיט וועלטליך. פעלעטאָן. א. ל. לעווינסקי.



צו אבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE“, Krakau, Dietelsgasse 45

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf“, Warschau, Postkiste, Nr. 25,
mündlich: Twarda 6, Thür II.

אין וויען:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodz, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד“ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאָסט אונטער דער נומער:
1920a Nachtrag VII.

## צו אונזערע געעהרטע מיטארבייטער

מיר בעטען אונזערע ג. מיטארבייטער,
אלע ארטיקלען פאר דעם „יוד" צו שיקען
אויף׳ן אדרעס פון „אחיאסף":
Verlag „ACHIASAF", Warschau.

חברת
# אחיאסף
מקבלת החתימה לשנת 1900
למכ"ע:
המליץ, הצפירה, השבוע, התחיה, גן שעשועים,
"די וועלט" באשכנזית Buduschtnost, Woschod,
וורנון, Allgemeine Zeitung des Judenthums,
Oesterreichische Wochenschrift, L'Echo sioniste
למקהי הרידקציה.
*Verlag „ACHIASAF" Warschau.*

## יי"ש לחג הפסח למהדרין ולמבינים.

הייש שלי ב"ה נודע כבר בטוב טעמו וריחו ובזך מראהו וכן ביתרון הכשרו (כל הפועלים והעוסקים אצלי המה מאחבנ"י) כמו שיעידו ויגידו הגאונים והצדיקים: מו"צ דק"ק הוראדנא,
ה"ר מרן ר׳ ברוך מרדכי ליבשיטץ זללה"ה אב"ד דק"ק שעדלעץ.
ה"ה מרן ר׳ אליהו חיים מייזיל שליט"א אב"ד דק"ק לאדז.
אדמו"ר ר׳ גרשון הינך זללה"ה מראדזין.
ה"ר מרן ר׳ יוסף דובער זללה"ה אב"ד דק"ק בריסק.
ה"ה מרן ר׳ חיים הלוי סאלאווייציק שליט"א אב"ד דק"ק בריסק.
ה"ר מרן ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאר זללה"ה אב"ד דק"ק קאוונא.
ועוד ועוד.

כל הקונים יוכלו לקבל הייש בבקבוקים חבושי פסים, בני 1/20 1/10 ההין, ישר מהזאוואד שלי מוכן למכירה ישר לידיהם ואינו נחוץ לשלחו להקאזיאני סקלאד.

הקונים הפרטים יקבלו את הייש פסח שלי וכן מנוקה וישן בכל הרינסקע פאגרעבין וטראקטירין הגדולים וכן יוכלו לקבל ישר מהזאוואד שלי אך לא פחות מהין שלם (20 בקבוקים בני 1/20 ההין).

הקונים ידרשו כי על הבקבוקים יהיה העטיקעט שלי ממראה מגן דוד וכן על כל בקבוק נדבק הכשר מהרבנים הגאונים הנ"ל וישימו נא זאת הדורשים יי"ש פסח אל לבם.

**נאום דובער בהגאון מוהר"ר מרדכי גימפל זללה"ה יפה.**

Ch. Ritzenberg



די בעוואוסטע פֿאבריק פֿון גילזען מאַשינען ארבייט אויס אויך מאשינען צו שטאָפּ-גילזען נייעסטער סיסטעם. פֿיר גוטהייט און דויער-האפֿטיגקייט ווירד גאראנטירט.

Warszawa, Dzika 44.

## ברוכ-בענדער!



האַלטען איין דען שווערסטען ברוך אונד דריקען נישט דעם קערפער. נאַגראַדע פֿאָן דאָקטאָרסקע אויסשטעלונג.

**D. MOSZKOWSKI,**
**Warszawa, Muranów 16.**

## Fabryka perfum i kosmetyków pod firmą „IRIS"
## H. Lachs, Warszawa, Solna 9



poleca zatwierdzony przez Warszawski Urząd lekarski za Nr. 337
**Puder „Iris", zupełnie nieszkodliwy.**
Wskutek podrabiania upraszam o zwracanie uwagę na zatwierdzone przez Ministeryum Finansów w Rosyi fabryczne znaki „Iris" Nr. 337.
Dostać można we wszystkich składach aptecznych i perfumeryach.
Żądać z podpisem: *H. Lachs.*

## שפירט לחג הפסח.

דער אויסשליסליכער פֿערקויף פֿיר גאַנץ פּולין פֿון די־סטילאַרניע ד"ה יפה פֿון גראַדנאַ איזט, ביי **אהרן וואלד** עט קאָמפּ. װאַרשאַ נאַלעווקי נ׳ 41 פֿיר דען הורט אונד ענצילט. אויך איז צו בעקומען פֿערשידענע וויין, קאָניאַק, רוסישע און אויסלענדישע אויך א"י כרמל.
בריעף-אדרעסע:
**A. WALD & Com. Warszawa, Nalewki Nr. 41.**

## יודישע שפריכווערטער.

אַ זאַמלונג פֿון י. ב. הערויסגעגעבען פֿון מ. ספעקטאר. אַרייכע אויסגאַבע. עס געפֿינט זיך צו פֿערקייפֿען די לעצטע 25 עקז׳.

פרייז 2 רובל מיט פארטא.

צו בעקומען ביי:
**M. Spektor, Warschau, Nowolipie 51 a.**
אָדער
**Verlag „ACHIASAF", Warschau.**

## נור מיט עטליכע רובל

קאָן יעדער מענש ביי זיך אויף׳ן אָרט אַ גוטע פרנסה איינפֿיהרען אזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך אַ בריעף געגען אַ 7 קאָפּ׳ מאַרקע.

אדרעסירען:

Warschau, Russie. Post-Restant, Mr. I. Naiditsch,

## פֿריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערענען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש אין דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פֿרעגט אָן ביי:
Mme. Naiditsch, Dawid-Horodok, Gouv. Minsk, Russie.

II. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 7.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
| | |
|---|---|
| אָסטרייך-אונגארן | 6.— פֿלארין. |
| האַלביאָהריג | 3.— „ |
| פֿירטעליאָהריג | 1,50 „ |
| דייטשלאנד | 10.— מארק. |
| ארץ ישראל | 12.— פֿראנק. |
| אַנדערע לענדער | 15.— „ |
| אמעריקא, ענגלאנד | 10.— שילינג. |

פרייז פֿון מודעות (אנצייגען): פֿיר יעדע קליינע שורה פעטיט 10 קרייצער, 25 פפֿעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

# דער יוד

צייטשריפֿט

פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פֿערלאַג: חברת „אחיאסף“.

דער פרייז פֿיר רוססלאנד:
| | |
|---|---|
| גאַנץ-יאָהרליך | — 5. רוביל. |
| האלב-יאָהרליך | — 3. רוביל. |
| פֿירטעל-יאָהרליך | 1,50 רוביל. |

מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
| | |
|---|---|
| ביים אבאנירען | — 2 רוביל |
| דען 1טען אפריל | — 2 „ |
| דען 1טען אויגוסט | — 1 „ |

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

Krakau, 22. Februar, 1900. נומר 7. קראַקויא, אדר א׳ תר״ס.

## דער ציוניזם און דאס פאלק.

זעהר אָפֿט הערט מען פֿון אונזערע געגנער, אַז דער ציוניזם איז ניט קיין פֿאָלקס־בעוועגונג, דען ער איז בעשאַפֿען געוואָרען פֿאַר די רייכע און געבילדעטע יודען, וואָס קענען ניט אויסהאַלטען די רְדִיפוֹת פֿון די אַנטיסעמיטען, די שִׂנְאָה, וואָס דורך איהר זענען זיי דערווייטערט פֿון קריסטליכע געזעלשאַפֿטען און וואָס אונטער איהר ליידען זיי מאַטעריעל און מאָראַליש.

איז דאָס ריכטיג? וואו האָט דער ציוניזם געפֿונען די גרעסטע קראַפֿט, פֿון וואַנען שטאַמט זיין מאַכט איבער אַלע הערצער, וואו ליעגען זיינע וואָרצלען בעזאָנדערס טיעף?

מיר שיינט, אַז אויף די פֿראַגען קען מען נור איין ענטפֿער געבען: דער ציוניזם האָט אַלעס בעקומען פֿונ׳ם פֿאָלק, נאָר ער האָט אַלעס אומגעענדערט נאָך די פֿאָדערונגען פֿון דער צייט און דער ווירקליכקייט און יעצט גיט ער עס ווידער דעם פֿאָלק צוריק אין אַ נייער פֿאָרם. דער ציוניזם איז אַ נייער קרוג פֿאַר דעם גוטען אַלטען יודישען וויין.

אַז די לאַגע פֿון די יודען האָט זיך מיט הונדערט יאָהר צוריק אָנגעהויבען צו בעסערן, האָבען פֿון אָנהויב נור די רייכע יודען אַליין דערפֿיהלט די שטאַרקע ענדערונג צו גוטען. זיי, וואָס האָבען שוין אויך פֿריהער דורך זייער רייכקייט געהאַט אַ סך פריווילעגיעס (בעזונדערע פראַוועס), האָבען תֵּיכֶף אָנגעהויבען זייער נייע לאַגע אויסצונוטצען. דורך זייער געלד זענען זיי פֿריהער אויך געוועזען גרויסע מְקוֹרָבִים צו קריסטען, נאָר כָּל זְמַן זיי האָבען אֲפִילוּ אויף דעם פּאַפּיער אויך נאָך ניט געהאַט קיין גלייכע רעכטע, האָבען זיי דאָך געפֿיהלט, אַז צווישען זיי און צווישען זייערע בעקאַנטע קריסטען ליעגט איין אָבגרונד, און אַז די גלייכע צָרוֹת פֿעראייניגען זיי מיט זייערע אָרימע ברידער, מיט זייער גאַנצען פֿאָלק. אָבער קוים האָט מען איבער דעם אָבגרונד אַריבערגעוואָרפֿען חאָטש נור אַ פּאַפּירענעם בריק פֿון איינינע געשריעבענע מענשליכע רעכטע, האָבען זיי זיך שוין געפֿיהלט „מיט לייטען גלייך“ און האָבען שוין געקוקט מיט פֿעראַכטונג אויף זייערע אומגליקליכערע ברידער. זיי האָבען זיך באַלד אָבגעריסען פֿונ׳ם גאַנצען פֿאָלק. אַלעס, וואָס פֿאַר איהם איז הייליג געוועזען, האָט אין זייערע אויגען פֿערלאָרען יעדען ווערטה. אַנדערע, אינטערעסאַנטערע זאַכען האָבען זיי צו זיך צוגעצויגען: אַ שמייכעל פֿון דעם פֿרעמדען, אַ טיטעל פֿון אַ „קאָמערציענראַטה“ אָדער גאָר פֿון אַ באַראָן, אַנ׳אָרדען, אַ קאָקאַרדע, טהעאַטער, אַקטריסעס, פֿערד — דאָס איז אויך פֿאַר זיי עטוואָס ווערטה געוועזען. אָבער וואָס קענען אַזעלכע „געהויבענע“ לייט האָבען צו טהון מיט אַ פֿעראַלטעטער תּוֹרָה, אַ אָרים, פֿעריאָגט פֿאָלק, מיט אַלטע האָפֿנונגען אויף אַ גְאוּלָה פֿונ׳ם אַלטען פֿאָלק אין ערגיץ אַנ׳אַלט, וויסט לאַנד פּאַלעסטינאַ אין אַזיען?

מיט די רייכע האָבען זיך פֿעראייניגט די „געבילדעטע“. זייער בילדונג איז דאָס רוֹב געוועזען פֿאַר זיי אַ גוטע מעלקענדיגע קוה, און זיי האָבען מיט פֿעראַכטונג געקוקט אויף דאָס „נאַרישע, פֿינסטערע פֿאָלק“, וואָס ליידעט די גרעסטע צָרוֹת צוליעב עפּיס מִינֵי — אַלטע, טוידטע סְפָרִים. אַזוינע מענשען האָבען נאַטירליך ניט געקענט גלויבען אין די האָפֿנונגען פֿונ׳ם פֿאָלק אויף „מְשִׁיחַ׳ס צייטען“, אויף די צייטען, אין וועלכע די יודען וועלען אויסגעלייזט ווערען פֿונ׳ם ביטערען גלות און לעבען פֿריי אין זייער אַמאָליגען לאַנד. דער העכסטער אידעאַל פֿון אַזעלכע כְּלוֹמֶרְ׳שְׁט־געבילדעטע איז געוועזען — אַסימילאַציע, דאָס הייסט מאַכען אַנ׳עק פֿונ׳ם יודישען לעבען און דורך דעם אויך פֿון די יודישע צָרוֹת... דאָס איז אַקוראַט ווי איינער וואָלט געהייסען אָבשניידען אַ מענשען דעם קאָפּ כְּדֵי די צייהן זאָלען איהם ניט וועה טהון...

נאָר אַ טהייל צווישען די געבילדעטע, די בעסטע צווישען זיי, זענען אויך געוועזען בעסערע יודען. זיי האָבען עפּיס יאָ געוואָלט טהון פֿאַר׳ן יודענטהום, האָבען אָבער ניט געוואוסט וואָס צו טהון. זיי זענען אויך געוועזען אָבגעריסען פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק. זייערע גאַנצע בילדונג און זייער גאַנצע ערציעהונג האָבען זיי בעקומען ביי קריסטען אָדער דורך קריסטליכע ליטעראַטור, דערפֿאַר איז זיי אַלעס נעפֿעלען געוועזען, וואָס איז ניט — יודיש, און אַלעס, וואָס איז יודיש, האָט זיי ניט געטויגט. נאָכטהון דעם פֿרעמדען — דאָס איז געוועזען זייער אידעאַל. זיין גלייך מיט איהם — זייער גאַנצער וואונש. און אַזוי הויבען זיי אָן צו פֿערגעסען און צו דערשטיקען ביי זיך און ביי אַנדערע אַלע האָפֿנונגען פֿונ׳ם פֿאָלק. די יודישע רעליגיאָן אַזוי ווי זי איז, דאָס הייסט אַזוי ווי זי איז געבליעבען טהייער דער גרויסער יודישער מאַסע, געפֿעלט זיי ניט. זיי הויבען אָן צו „רעפֿאָרמירען“, דאָס הייסט איבערצונימשעווען, די יודישע שולען און בָּתֵּי־מִדְרָשִׁים, בויען „סינאַגאָגען“ און „טעמפּלען“, ברייננען אַריין אַנ׳אָרגעל מיט אַ כאָר פֿון מיידליך — מיט איין וואָרט, זיי דערווייטערן זיך מעהר און מעהר פֿונ׳ם פֿאָלק. אין זייערע רעפֿאָרמעס געהען פֿיעלע פֿון זיי אַזוי ווייט, אַז זיי הערען אויף צו דאַווענען אין אונזער נאַציאָנאַלער שפּראַך, מעקען אויס צִיּוֹן און יְרוּשָׁלַיִם פֿונ׳ם סִדּוּר און פֿונ׳ם האַרצען און שרייען, אַז יודען זענען קיין פֿאָלק ניט, נאָר אַ „רעליגיעזע געמיינדע“. דאָס פֿאָלק לאַכט זיי אויס מיט אַלע זייערע רעפֿאָרמעס און וויל גאָר נישט וויסען פֿון אַלע זייערע חֲקִירוֹת. דאָס פֿאָלק, די גרויסע מאַסע, בלייבט געזונד אין זיין נאַטירליכען, אינעווייניגסטען נאַציאָנאַלען געפֿיהל; עס פֿערשטעהט די אַלע הַמְצָאוֹת גאָר ניט און וויל זיי אויך גאָר ניט פֿערשטעהען.

פֿרעגט אַ פָּשׁוּט׳ען יודען פֿון דער גרויסער מאַסע: „זענען יודען אַ פֿאָלק אָדער נישט?“ — וועט ער אייך געוויס אָנקוקען ווי אַ מְשׁוּגָע׳נעם. וואָס הייסט אויב יודען זענען אַ פֿאָלק? ווער דען איז אַ פֿאָלק, אויב

און אַזוי זעהען מיר, אַז דער יודישער הֲמוֹן־עַם, דאָס אֱמֶת'ע יודישע פֿאָלק, האָט נאָך ביז איצט ניט פֿערלאָרען דאָס שטאַרקע געפֿיהל, אַז מיר זענען אַ פֿאָלק, א י י ן פֿאָלק אין דער גאַנצער וועלט; אַז מיר אַלע האָבען גלייכע היסטאָרישע זִכְרוֹנוֹת, וועלכע בינדען אונז צוזאַמען פֿון אויסענווייניג; אַז מיר אַלע האָבען א י י ן תּוֹרָה, א י י ן ליטעראַטור, א י י ן נאַציאָנאַלע שפּראַכע, וואָס בינדען אונז צוזאַמען פֿון אינעווייניג; און, אַז מיר האָבען אַ גרויסע האָפֿענונג אויף אַ גְאוּלָה שְׁלֵמָה, אַ פֿאָלשטענדיגע ערלייזונג אין ציון אָדער ארץ־ישראל.

איז דאָס אַלעס ניישט די יְסוֹדוֹת פֿונ'ם נייעם ציוניזם? איז דער ציוניזם ניט, ווי הערצל האָט אַ מאָל געזאָגט, איין צוריקקעהרען צום יודענטהום, צום יודישען פֿאָלק מיט אַלע זיינע בעסטע געפֿיהלען און האָפֿנונגען, פֿ א ר דעם צוריקקעהרען אין דאָס יודישע לאַנד?

מען מוז בלינד זיין אום ניט איינצוזעהן, אַז דער ציוניזם איז די ערנייטע האָפֿענונג פֿון דער יודישער מאַסע, וואָס איז אַלע מאָל געבליבען טריי דעם יודענטהום. דער נייער ציוניזם האָט נור דער אַלטער האָפֿענונג געגעבען אַ נייע, אייראָפּעאישע, נאַטירליכע פֿאָרם. ניט די רייכע און געבילדעטע האָבען געמאַכט פֿונ'ם ציוניזם אַ גרויסע פֿאָלקסבעוועגונג, נאָר די כּחוֹת, וואָס האָבען געדרימעלט אינ'ם פֿאָלק אַליין. די רייכע און געבילדעטע דאַרפֿען צוריקקעהרען צו זייער פֿאָלק און איהם העלפֿען, די רייכע מיט זייערע מאַטעריעלע מיטעל, די געבילדעטע — מיט זייערע יְדִיעוֹת.

ווי איך האָב אויבען געזאָגט, האָט די בילדונג געפֿיהרט צו דעם, אַז די געבילדעטע האָבען זיך אָבגעקעהרט פֿונ'ם פֿאָלק און זיי זענען איהם פֿרעמד געוואָרען. ניישט די בילדונג אַליין איז אין דעם שולדיג געוועזען, נאָר אונזער פֿריהערדיגע לאַגע. דאָס פּלוצלינגע אַרויסשפּרינגען פֿון דער טיעפֿער פֿינסטערניש פֿונ'ם געטטאָ אין די גרויסע אייראָפּעאישע ליכטיגקייט האָט פֿיעל יודען בלינד געמאַכט, און זיי האָבען מעהר ניט געזעהען און ניט געוואָלט זעהען זייער אייגען פֿאָלק, וואָס זיי האָבען איהם מיט זייער ליכט געקענט בריינגען די גרעסטע נוטצען. ניט דאָס נייע ליכט איז געווען שולדיג אין דער פֿערבלענדונג, נאָר די אַלטע פֿינסטערניש. . . די בילדונג אַליין קען ניט זיין שעדליך: ליכט איז תָּמִיד בעסער ווי פֿינסטערניש. אָהן דער בילדונג וואָלט דער ציוניזם אין זיין איצטיגער פֿאָרם אויך אונמעגליך געווען. די נייע הַשְׂכָּלָה און בילדונג האָט די אַלטע געפֿיהלען און האָפֿנונגען די נייע פֿאָרם געגעבען און דעם אַלטען געדאַנקען וויל זי געבען די נייע גרויסע טהאַט (מַעֲשֶׂה).

אַלע אונזערע אַלטע פֿאָלקס־געפֿיהלען און פֿאָלקס־האָפֿנונגען זענען געווען דורכאויס רעליגיעז און דורך דעם — איבערנאַטירליך. דאָס פֿאָלק האָט געוואַרט נור אויף נִסִים; אַליין האָט עס גאָר ניט געוואָלט און גאָר ניט געקענט טהון. און וואָס זענען האָפֿנונגען אָהן מַעֲשִׂים? ביסליכווייז ווערט די האָפֿענונג שוואַכער און דער גלויבען אָבגעקיהלט, בִּפְרַט אין אונזער יאַהרהונדערט, וואָס דער גלויבען אין נִסִים איז זעהר שוואַך געוואָרען, און האָפֿנונגען אויף איבערנאַטירליכע זאַכען שפּיעלען מעהר קיין ראָלע ניט אפילו ביי די, וואָס גלויבען אין די מעגליכקייט פֿון אַזעלכע זאַכען. אפילו דער פֿרומער יוד פֿערלאָזט זיך אין זיינע אייגענע געשעפֿטען אויך ניט אויף נסים. ער אַרבעט און בעוואָרענט אַלעס, און דאַן האָפֿט ער, אַז גאָט וועט העלפֿען. מיט וואָס איז דען אונזער נאַציאָנאַלע אַרבייט ערגער? מיר מוזען אויך עפּיס טהון פֿאַר אונזער פֿאָלק און דאַן קען דאָס פֿאָלק האָפֿען אויף גאָטס הילף. אָט דאָס איז דער עִיקָר, וואָס דאָס פֿאָלק מוז פֿערשטעהען. וואָס צו טהון און ווי אַזוי צו טהון — דאָס לערנט אונז די בילדונג, דאָס וועלען דעם פֿאָלק ערקלערען די געבילדעטע; נאָר ט ה ו ן מוז דאָס פֿאָלק אַליין. דאָס פֿאָלק טאָר זיך ניט פֿערלאָזען אויף אַנדערע, עס מוז וויסען, אַז די גאַנצע קראַפֿט ליעגט אין איהם. אפילו דאָס אָרימסטע פֿאָלק איז רייכער פֿון איינצעלנע גְבִירִים; אַ סך קליינע, שוואַכע מענשען, אַז זיי זענען פֿער־

---

קוקט איהם אָן דעם שענעם יונגען מאַן, דעם תכשיט, דעם „טיטוסען". מיט וואָס אַנדערש האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין דער וועלט אַז ניט מיט זיין אכזריות צו יודען? ביז וואַנען ער האָט זיך ניט אָנגעהויבען בעשעפֿטיגען מיט יודען האָבען איהם אַלע פֿיינט געהאַט, פֿעראַכטעט, מבזה געווען פֿאַר זיינע מיאוסע הנהגות; אַ קריגער, אַ שלעכטער, ער האָט זיך ניט געשעמט די אייגענע געסט ביי זיין אייגענעם טיש צו „פֿערסאַמען", אַ שכור, אַ הולטיי, אַ מאוסער בעל־תאוה, האָט איבערגעטהון דעם גאַנצען „על חטא" מיט אַלע ל"ב פרושים, און דאָך ווי ער האָט נור אָנגעהויבען טהון שלעכטעס יודען און חרוב געמאַכט דעם בית המקדש איז ער געוואָרען געאַכט און געשעצט ביי אַלעמען, מען האָט איהם גאָר אַ נאָמען געגעבען: „דער ציהרונג פֿון מענשען".

נישקשה פֿון א ציהרונג, כ'לעבען, ווי די מענשען אזא ציהרונג.

און „דער ציהרונג" איז געזעסען שטאַרק פֿערטיעפֿט אין דער אכילה, אזוי ווי ער וואָלט שוין דריי טאָג ניט געגעסען, נעבען איהם איז געזעסען „בלעם" און האָט עטוואָס מיט איהם געשישקעט זיך אין דער שטיל.

ווי ס'איז געווען אָבגערעדט צווישען אונז, האָבען מיר אלע דריי „בויבריקער" סוחרים פֿון ווינט, פֿון רויך און פֿון ציבעלע שאָלעכץ, אויך זיך צו־געזעצט צום זעלביגען טיש, פֿון דער אנדערער זייט און געהייסען געבען זיך — טהיי.

מען האָט טאַקי אַ שיין שטיקיל פנים ביי דעם לאָקיי, אז אין מיט'ן דער „סומאטאָכע" ביים בופֿעט בעת „דער פאָיעזד" קומט אָן, ווען די טעלערס מיט די מעסערס קלינגען, און די לאָקייעס לויפֿען אַרום ווי די „רוחות" מיט די סאַלפעטקעליך פֿון איין פּאַסאַזשיר צום אַנדערען אום צו דערלאַנגען „פּאָרציעס", הייסט מען זיי געבען אַ גלאָז טהיי. . .

טהיי איז א עסק פֿאַרין פאָיעזד, דאַמאָלס, ווען די לאָקייעס שטעהען און האָבען ניט וואָס צו טהון, אָבער בעת דער פאָיעזד איז שוין אָנגעקומען — ווער האָט אייך אין זינען מיט אייער טהיי, ווער קוקט אויף אייך?.. איהר בעט „2" מאָל, „3" מאָל — דער לאָקיי אָבער מאַכט זיך ניט הערענדיג. עס ווערט מאוס בעטענדיג. פּרובירט בעטען אַ „פּאָרציע" ווערט'ס אין איין מינוט, בעט אָבער אַ „גלאָז" טהיי, וועט איהר בעקומען צום דריטען „זוואָנאָק", דוכט זיך דיזעלביגע פֿינף קאָפּיקעס לאָזט איהר איהם איבער פֿאַרין גלאָז טהיי, ווי פֿאַר אַ פּאָרציע קאָטלעטען, דאָך אַ „פּאָרציע" קאָטלעטען גיט ער אייך געשווינד, בכבוד, מיט „לאָקייסקע הכנעה", און אַ גלאָז טהיי — ווי ניט ווילענדיג, איבער גוואַלט. . . פֿאַרוואָס זאָל עס אזוי זיין? ומה נשתנה, מיט וואָס איז פֿערענדערט אַ גלאָז טהיי פֿון אַ טעלער „זופּ"? פֿון אַ טעלער „באָרשט"? דער תרוץ איז אָבער טאַקי דער אלטער „עבדים היינו". . . מען איז אין גלות אפילו ביי די „לאָקאיעס" אויף די וואָקזאַלען. ער פֿערשטעהט, אַז אַ גלאָז טהיי טרינקט מסתמא אַ יוד.. ניט קיין יוד עסט א „פּאָרציע.." און דאָס רוב איז זיין חשבון אַ ריכטיגער. דעם „פּיאַטאַקעלע" דעם יודישען נעמט ער, דער יוד איז טרייף זיין גראָשען איז כשר, בעהאַנדלען אָבער בעהאַנדעלט מען איהם ווי אַ יודען..

און עס איז קיין חדוש ניט וואָס מען האָט אונז דעם טהיי ניט אַזוי גיך דערלאַנגט, אום צו ווערען אַ חשוב ביי דעם לאָקיי (און איהר וועט מיר ניט פֿערדענקען, דען מיר אלע זענען אַ ביסעל געחאַפּט אין דער מעשה, און אפילו גרעסערע גבירים פֿון מיר זוכען אויך כבוד מיט „יחוס" מיט חשיבות ביי זייערע לאָקייען..) אום צו ווערען אַ שטיקל חשוב ביי איהם, האָבען מיר געהייסען דערלאַנגען אַ פֿלאַש „כרמל" וויין.

אין מינוט איז דער וויין געוואָרען, די פֿלאַש מיט באקאלען זענען געשטאַנען אויפֿ'ן טיש, און איידער „בלעם" האָט נאָך בעוויזען אונז פֿאָרצושטעלען האָט זיך שוין „טיטוס" אַליין בעקאַנט געמאַכט.

פֿאַרדאָן מיינע הערען, האָט ער זיך צו אונז געווענדעט, אין וועג איז אָהן צערעמאָניעס. מיר פֿאָהרען אין איין פאָיעזד, זיצען ביי איין טיש, אַלזאָ, זענען מיר כמעט ווי אלטע בעקאַנטע, חברים. אין דערהיים יעדער ביי זיך מעג זיך זיין וואָס ער וויל און ווי ער וויל; אָבער אין וועג, אין וועג איז ברידערשאַפֿט. די וויכטיגסטע זאַך אין וועג איז געוויס דער „בופֿעט". ער אינטערעסירט יעדען פּאַסאַזשיר אין העכסטען גראַד, אַ גוטער בופֿעט איז שוין אַ גוטע רייזע; און איך זעה מיינע פֿריינד אָן אייך, דאָס איהר זענט... טיכטיגע רייזענדער, איהר פֿערשטעהט אַ עסק ווי אזוי מען דאַרף זיך פֿאָהרען אין וועג. אומעטום אין אלע, „בופֿעטען", אויסזוכען דאָס אינטערעסאַנטעסטע. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, דער עטיקעט אויף אייער פֿלאַש וויין האָט מיר אייך העכסט פֿעראינטערעסירט. איך לייען אויף איהם: וויין „פֿון פּאַלעסטינא." ארץ ישראל וויין, דאָס איז העכסט אינטערעסאַנט! איך וויים, וואָס הייסט ארץ ישראל וויין.

וויין און ווייב... יודישע טעכטער און יודישער ארץ ישראל וויין!! איך האָב נאָך אַ מאָל געזאָגט דאָס שענערס און בעסערס פֿון זיי גיבט עס ניט. איך האָב עס נאָך אַ מאָל געזאָגט און האַלט זיך פֿעסט ביי מיין מיינונג נאָך עד היום.

פֿערשטעהט זיך פֿון זעלבסט דאָס מיר האָבען איהם מכבד געווען מיט אַ גלאָז וויין. ער האָט זיך ניט לאַנג געלאָזט בעטען און אויסגעטרונקען דעם וויין. בראַוויסימא! האָט ער אויסגערופֿען מיט התלהבות און האָט זיך אַליין אַריינגעגאָסען נאָך אַ באַקאַל וויין, יאָ, יאָ, ווירקליך, דאָס איז ער: עכטער ארץ ישראל וויין... אמת'ר ארץ ישראל וויין... לאַנג, לאַנג שוין, צייט איך האָב איהם געטרונקען, אַשענע ביסעל יאָהרען איז פֿאַרביי געלאָפֿען פֿון דאַמאָלס... עס איז געווען... דוכט זיך טויזענד אכט הונדערט

דערלאָזען אַז די רעגירונג זאָל זיך צופֿיעל מישען אין לעבען פֿון די איינצעלנע מענשען. די שטאַרקע ענערגיע האָט תָּמִיד געטריבען דעם ענגלענדער צו אַ רייכערער אַרבייט און ניט נור צוליעב דעם נוצען פֿון דעם איינצעלנעם, נאָר אויך צוליעב דעם כּלל. דורך דעם פֿרייען האַנדעל אָהן אָבצאָהל אויף אויסלענדישע סְחוֹרוֹת, דורך דער פֿרייער קאָנקורענץ אין דער פֿאַבריקאַציאָן, דורך דער אַרבייט און אונגעשטערטער טהעטיגקייט פֿון מענשען און חֲבְרוֹת האָט ענגלאַנד דערגרייכט די העכסטע מַדְרֵגָה צווישען אַלע פֿעלקער פֿון דער גאַנצער וועלט.

ניצליכע, נייע אַרבייטען ווערען אין ענגלאַנד ניט פֿאָרגעשריבען פֿון אויבען, פֿון דער רעגירונג. אַלעס נייעס ווערט פֿון פֿאָלק אַליין געשאַפֿען. אַרויסגעהענדיג פֿון איינצעלנע מענשען נעמט יעדע ניצליכע אַרבייט אַרום אַלץ מעהר מענשען, אַלץ גרעסערע מאַסען. די רעגירונג לאָזט איבער דעם איינצעלנעם מענשען די פֿרייהייט צו טוהן און צו אַרבייטען, זי קומט נאָך דעם איינצעלנעם צו הילף, איהם אונטערשטיצענדיג אין יעדער אַרבייט, וואָס איז ניצליך פֿאַר'ן כְּלָל.

דאָס איז אין אַלע זייטען פֿון ענגלישען לעבען און דאָסזעלבע איז אויך אין דער אַרבייט פֿאַר די פֿאָלקסבילדונג. ענגלאַנד ווערט גערעכענט צו די געבילדעסטע פֿעלקער פֿון דער וועלט. ענגלישע פֿאָלקסשולען דיענען אַלס מוסטער פֿאַר פֿיעל געבילדעטע נאַציאָנען, אין ערגיץ ווערט ניט אַזוי פֿיעל געטהון פֿאַר די בילדונג פֿון ערוואַקסענע — און די אַלע גרויסע רעזולטאַטען אין דער ערציהונג פֿון פֿאָלק זענען ניט געשאַפֿען געוואָרען דורך דער רעגירונג, נאָר דורך איינצעלנע פּריוואַט־מענשען און דורך איינצעלנע חברות, וואָס האָבען גענומען אויף זיך צו געבען דעם פֿאָלק אַ בעסערע בילדונג.

די רעגירונג האָט זיך לאַנג גאָר ניט געמישט אין דער פֿאָלקסבילדונג. ענגלאַנד האָט שפּעטער פֿון אַלע מְלוּכוֹת אַריינגענומען אין איהר בודזשעט הוֹצָאוֹת אויף שולען, ענגלאַנד האָט שפּעטער פֿאַר אַלעמען איינגעפֿיהרט אַ מיניסטעריום פֿון פֿאָלקסבילדונג.

לאַנג האָט געהערשט אין ענגלאַנד די מיינונג, אַז די רעגירונג טאָר זיך ניט מישען אין די ערציהונג פֿון קינדער אַזוי ווי זי האָט ניט געדאַרפֿט זיך מישען אין זאַכען פֿון גלויבען, אין האַנדעל און פֿאַבריקאַציאָן. אין ענגלאַנד האָט געהערשט די איבערצייגונג, אַז די ערציהונג דאַרף איבערגעלאָזען ווערען אין די הענד פֿון די עלטערן, ווייל זיי ווייסען בעסער דעם כאַראַקטער פֿון זייערע קינדער און ווייל זיי ווילען בעסער זאָרגען פֿאַר זייער צוקונפֿט און גליק. מען האָט לאַנג מוֹרָא געהאַט לאָזען די רעגירונג זיך מישען אין ערציהונגס פֿראַגען, כְּדֵי זי זאָל ניט איינפֿיהרען איין גייסט אין אַלע שולען און כּדי זי זאָל ניט געבען די שולען אַ כאַראַקטער פֿון איין בעשטימטער רעליגיאָן, בְּעֵת אין ענגלאַנד זענען דאָ פֿערשיעדענע רעליגיעזע סעקטען.

און אפילו איצט, בעת די רעגירונג גיט שוין אויס מיליאָנען אויף פֿאָלקסבילדונג, האָט ענגלאַנד ניט קיין רעגירונגס־שולען. די רעגירונג נייט ניט די שולען אָנצונעמען איהרע פּראָגראַמעס. אַלסדינג ווערט פֿריי געשטעלט די חברות אָדער פּריוואַטמענשען, וועלכע פֿיהרען די שולען און וועלכע האָבען זיי געגרינדעט. די רעגירונג קאָנטראָלירט נור די פֿאָלקסשולען, וועלכע זי שטיצט, און אפילו די געשטיצטע שולען גיט זי די פֿרייהייט זיך צו האַלטען נאָך זייערע אייגענע פּראָגראַמעס. אין די מיטעלשולען, דאָס הייסט אין גימנאַזיום און רעאַלשולען, שטעקט זיך די רעגירונג בִּכְלַל נישט, און אַלע מיטעלשולען זענען אָדער פּריוואַטע אָדער חֶבְרָה'שע. איינינע פֿון זיי ווערען אויפֿגעהאַלטען פֿון אָבגעזאָגטע עוֹלָמוֹת־געלד. אַזוינע מיטעלשולען זענען דאָ אין ענגלאַנד 800, וועלכע האָבען צוזאַמען 40,000 שילער, דער גרעסטער טהייל מיטעלשולען געהערט פּריוואַט־מענשען, אַזוינע מיטעלשולען זענען דאָ ביז 15 טויזענד און חוץ דעם עקזיסטירען אַנ'עֶרֶך פֿון 50 חברה'שע גימנאַזיעס און רעאַלשולען וועלכע עס ווערען אָפֿט געגרינדעט אויף אַקציעס.

די מיטעלשולען זענען, ווי געזאָגט, גאַנץ זעלבסטשטענדיג. פֿון די אָרדענונגען און מַצָּב פֿון זיי ווייס די רעגירונג נור נאָך די עקזאַמענס, וואָס עס האַלטען די שילער ביים אָנקומען אין אוניווערזיטעט אָדער ביים מעלדען זיך צו אַ רעגירונגס שטעל.

נאָך די עקזאַמענס זעהט די רעגירונג וועלכע מיטעלשול גיט אַרויס בעסערע און מעהר שילער און זי שטיצט ד י שולען, וועלכע זי האַלט לויט די עקזאַמענס פֿאַר בעסערע און ניטצליכערע.

די אוניווערזיטעטען, וועלכע ווערען אין אַלע מלוּכוֹת געפֿיהרט און געגרינדעט פֿון דער רעגירונג, זענען אין ענגלאַנד גאַנץ זעלבסטשטענדיג און אין גאַנצען פֿריי פֿון דער רעגירונגס הַשְׁגָּחָה. די אוניווערזיטעטען האָבען אפילו ביז דער לעצטער צייט עקזיסטירט אָהן שטיצע פֿון דער רעגירונג. די הַכְנָסוֹת אויף אויסצוהאַלטען די אוניווערזיטעטען זענען בעשטאַנען נור פֿון עוֹלָמוֹת־געלד און פֿון הכנסה פֿון די שטודענטען.

(פֿאָרטזעצונג קומט) י. ל.

---

## פּאָליטישע איבערזיכט.

אַריבערגעהענדיג ווידער איבער דעם טייך טוגעלא האָט גענעראַל בולער טעלעגראַפֿירט אַז דער וועג קיין לעדיסמיט איז געזיכערט. זיין בטחון צו זיך האָט איהם אָבער איצט אויך אַזוי אָבגענאַרט, ווי די פֿריהערדיגע 2 מאָל. ער האָט פֿערנומען אַ באַרג, וואו ער האט זיך געהאַלטען פֿאַר זיכער, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פֿון 2 זייטען שטעהען אויף נאָך העכערע בערג גרויסע אַרמעעס פֿון די טראַנסוואַלער, וועלכע האָבען געגען די ענגלענדער אַזוי פֿייערדיג געשאָסען, אַז בולער האָט געמוזט מיט זיין חיל זיך אומקעהרען, אַריבערגעהן צוריק דעם טייך איבערלאָזענדיג פֿיעל געהאַרגעטע און פֿערוואונדעטע.

נאָך די 3 גרויסע מפּלות וועלכע בולער האָט געהאַט, וועט ער מסתּמא ניט אַזוי גיך ווידער פּראָבירען זיין גליק. די האָפֿנונג אויף לעדיסמיט'ס בעפֿרייאונג איז אין גאַנצען געפֿאַלען. בולער איז צו אָבגעשוואַכט, אויסערדעם שטעהט ער איצט פֿיעל ווייטער ווי פֿריהער, די בויערען זענען אַריבער דעם טייך און זיי האָבען געצוואונגען די ענגלענדער נאָך ווייטער אָבצוטרעטען. דאָס איבריגע ענגלישע חיל קען ניט געהן בולערן צו הילף ווייל עס איז פֿערנומען איצט אין אַנדערע ערטער.

די ענגלענדער האָבען פֿאַר זיך 2 אויפֿגאַבען. בעפֿרייען לעדיסמיט אין מזרח זייט פֿון טראַנסוואַל און די שטאָדט קימבערליי, וואָס ליגט אין מערב זייט. אונזערע לעזער געדענקען די בעמיהונגען פֿון גענעראַל מעטוען צו בעפֿרייען קימבערליי. מעטוען האָט אין עטליכע מלחמות פֿערלאָרען זעהר אַ גרויסען טהייל פֿון זיין חיל און ער האָט געמוזט אָבציהען צוריק. איצט אָבער האָט איבערגענומען די מלחמה אין מערב זייט דער פֿעלדמאַרשאַל ראָבערטס. צו פֿערטהיידיגען די ענגלישע ערד און די אייזענבאַהנען האָט ער איבערגעלאָזען אין פֿערשיעדענע ערטער 20,000 סאָלדאַטען און מיט 25 טויזענד מענשען געהט ער איצט קיין קימבערליי. אויך דער וועג צו קימבערליי איז אָבגעצאַמט מיט אַ טייך, די געגענד פֿון יענעם זייט טייך בעשטעהט פֿון בערג, וועלכע זענען שטאַרק בעפֿעסטיגט און בעשיצט פֿון 20,000 רעפּובליקאַנער, וואָס זיי האָבען שוין אַרויסגעוויזען אַזוי פֿיעל גבורה אין די מלחמות מיט מעטוען'ען. דאָס בעגעגעניש ביי קימבערליי איז איצט דאָס אינטערעסאַנטעסטע אין דער מלחמה, דאָ טרעט אַרויס אַ נייער פֿעלדמאַרשאַל און מיט אַ גרעסערען חיל און דערמיט ווערט דער וויכטיגסטע טהייל פֿון מלחמה אַריבערגעטראָגען פֿון מזרח קיין מערב, בפרט נאָך אַז אויף בולערן האָט מען שוין אויפֿגעהערט אין גאַנצען צו האָפֿען און מען האָט זיך שוין, ווי עס ווייזט אויס, אָבגעזאָגט פֿון נעדאַנקען צו בעפֿרייען לעדיסמיט. אפֿשר וועט ראָבערטס האטש ברייננען אַביסעלע נחמה נאָך די פֿריהערדיגע מפּלות, און דערפֿאַר קען זיין האָט ער זיך אויסגעקליבען אַ גרינגערע אַרבייט, אַנצופֿאַלען אויף די שוואַכערע זייט.

די מלחמה האָט איבערצייגט ענגלאַנד, אַז איהר חיל איז ניט גוט אָרגאַניזירט, אַז עס שטעהט נידריגער פֿון דעם חיל פֿון אַנדערע מלוכות, דערפֿאַר טרייסט זי זיך, אַז קריגסשיפֿען האָט זי מעהר פֿון אַלעמען, און אַז אויפֿ'ן יַם קען זיך קיינער צו איהר ניט גלייכען.

ענגלישע מאַכט אויפֿ'ן ים רופֿט אַרויס דאָס שטרעבען ביי אַנדערע פֿעלקער, אויך צו פֿערגרעסערן די צאָהל פֿון זייערע שיפֿען. אַזוינע פּראָיעקטען זענען איצט אין פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד. דער פּראָיעקט צו פֿערגרעסערן דעם דייטשען פֿלאָט איז שוין פֿאָרגעלעגט געוואָרען דעם פּאַרלאַמענט.

3 טעג האבען געדויערט די וכוחים וועגען פלאט. איין טהייל האט זיך געסטארעט צו בעווייזען, דאס דייטשלאנד מוז פערגרעסערען איהרע קריגסשיפען, כדי זי זאל קענען פערטהיידיגען איהרע קאלאניעס וואס זי האט אין די ווייטע לענדער, אויך דארף זי האבען מעהר קריגסשיפען, כדי זי זאל קענען פערטהיידיגען איהר האנדעל אין א צייט פון א מלחמה, ווייל 70 פראצענט פון איהרע סחורות, וואס זי פיהרט ארויס, ווערט געפיהרט איבער'ן ים. די אינטערעסען פון פאלקס צוקונפט, האט מען געזאגט, פאדערן אז דייטשלאנד זאל אויפ'ן ים אויך זיין אזוי שטארק ווי אויפ'ן יבשה. די געגנער האבען אבער געזאגט אז די צוקונפט פון פאלקסגליק ליגט ניט נור אין א שטארקען פלאט, נאר אין בעסערע שולען, אין בעסערע אינעווייניגסטע ארדנונגען, אין דער בעסערער ווירטשאפטליכער לאגע. דורך דעם פלאט ווערען פערגרעסערט די חובות פון דער מדינה, די אבצאהלונגען ווערען גרעסער און די ארימקייט שטייגט. א שטאט אויסצוגעבען דאס געלד אויף זאכען וואס זענען נייטהיג פאר'ן פאלקסלעבען, נעמט מען פון איהם דאס געלד אויף בויען שיפען, אויף האלטען גרויס חיל, וואס וועלען פיהרען סוף כל סוף צו א מלחמה וועלכע קען דעם לאנד נור ברייגגען אומגליק.

צן זעלבער צייט זענען אומעטום געווען גרויסע פאלקספערזאמלונגען, וואו מען האט געהאלטען רעדען פאר און געגען דעם פלאט. אין בערלין אליין זענען אין איין טאג געווען 19 גרויסע פאלקספערזאמלונגען, וואו עס זענען געווען וכוחים צווישען די סאציאלדעמאקראטען, וועלכע זענען געגען פלאט, און פערשידענע פראפעסארען, וואס האבען אויפגעוויזען ווי נייטהיג עס איז פאר'ן פאלק א גרויסער פלאט. אויף די אלע 19 פערזאמלונגען האט מען פראטעסטירט געגען די פערגרעסערונג פון פלאט. אין פארלאמענט האט מען בעשלאסען איבערצוגעבען די פראגע א קאמיסיע, וועלכע דארף גענוי זיך בעקאנען מיט דעם פראיעקט, און וועלכע דארף צוגלייך געפינען מיטלען, פון וואנעט צו נעהמען דאס געלד אויף די שיפען.

אין עסטרייך איז נאך די קאמיסאן אלי'ן בעשעפטיגט מיט דער פראגע וועגען די שפראכען. די שווערסטע פונקטען פון דער פראגע זענען וועגען די געגענדען, אין וועלכע עס וואהנען דייטשען און טשעכען. אין וועלכע שפראך זאל גערעדט ווערען אין געריכט, אין דער פאליציי, אין מאגיסטראט אין די „געמישטע" געגענדען, ווי זאלען געגרינדעט ווערען שולען, וואו עס זאלען בעפרידיגט ווערען די נאציאנאלע אינטערעסען פון די דייטשען און טשעכען, וויפיעל דארפען זיין קינדער, אז מען זאל האבען דאס רעכט צו פאדערן פאר זיי א שולע אין זייער פאלקסשפראך, דאס זענען אלי'ן וויכטיגע און שווערע פראגען, וואס זענען העכסט אינטרעסאנט ניט נור פאר די טשעכען און דייטשען אליין. די קאמיסאן פערגעסט אפילו ניט צו עוסק זיין מיט דער פראגע וועגען אזוינע קלייניגקייטען, ווי די שפראך אויף די שילדען.

די אלע פראגען קענען ניט אזוי גיך ענטשיידען ווערען, און אויב אפילו די קאמיסיאן וועט געפינען א פשרה צווישען די דייטשען און טשעכען, וועט דער שלום אין עסטרייך זיין נור אויף א קורצע צייט, ווייל דייטשען און טשעכען זענען ניט די איינציגע פעלקער אין עסטרייך, וואס פאדערן פאר זיך נאציאנאלע גלייכהייט. פיעל עהנליכע פראגען וועגען אנדערע נאציאנען וועלען באלד ארויסשווימען און צוליעב זיי וועט נאך לאנג קאכען און רעש'ן אין לאנד. דערווייל אבער וועט זיין גוט אויך דער שלום האטש אויף א ווילע, כדי די רעגירונג זאל האבען די מעגליכקייט צו עפענען דעם פארלאמענט און ארויסצוגעבען די נייטהיגע געזעצען. די רעגירונג האט שוין מודיע געווען, אז דער פארלאמענט עפענט זיך דעם 22-טען פעברואר. מע האפט, אז די טשעכען וועלען איצט יעדענפאלס ניט שטערען, אויב די קאמיסיאן וועט זיי נור צוזאגען אז אין די ריין טשעכישע געגענדען וועט איינגעפיהרט ווערען די טשעכישע שפראך אין אלע אנשטאלטען און שולען.

י. ל.

---

# בריעף פון ווילנא.

אין די לעצטע פאר יאהרען זענען די ווילנער יודען געווארען געוואלטיגע בעלי טובה'ניקעס, עס איז ביי אונז אזוי פיעל צדקות, אזוי פיעל חברות, מיט תקנות און אהן תקנות, אז עס איז פשוט כמעט א גליק ביי אונז א ארימאן צו זיין.

און ווי עס ווייזט אויס האט אונזער קהלה קדושה פון דעם גליק באלד דערשמעקט און טאקי זיך בענוצט און אזוי איז טאקי ביי אונז דער רוב, דער גרעסטער טהייל, פשוטע ארימע לייט און בעטלער געווארען. נאר ניט דאס בין איך אויסען, טאקע א געוואלטיגע נייעס אין שטעדטיל, אז ביי אונז אין ווילנא איז דא גענוג ארימע לייט, ניט צו פערזינדיגען.

אדרבא, איך וויל אייך היימליכערע זאכען דערצעהלען. ביי אונז אין דער לעצטער צייט, איז גאט צו דאנקען, זעהר היימליך און זעהר לוסטיג געוועזען, ווענינגסטענס אונזערע „פני", אונזערע אריסטאקראטיע און אונזער אינטעליגענץ האט זיך אין דער לעצטער צייט אנגעטאנצט און אנגעהוליעט ווי שוין לאנג ניט. אין א משך פון 5 וואכען האבען מיר געהאט 6 בעלער און איהר מיינט אפשר אזוי סתם בעלער, ניין חס וחלילה, אלי'ן לטובת הכלל. מיר האבען אונז אבגעמאטערט גאנצע נעכט טאנצענדיג. טייכען שוויים זענען פון אונז גערונען, אלי'ן אייך צו ליעב, ארימע ברידער. ביי אונז איז איצט א צדקה-טענציל צו דער צווייטער נאטור געווארען און אהן דעם קענען מיר פשוט ניט אויסקומען.

פאר א יאהרען אדער פאר צוויי יאהרען האבען מיר אויך געהאט כמעט דיזעלבינע בעלער, אבער עט, עס איז בלאטע אנטקעגען היינטיאהריגע. פאר א יאהרען האבען מיר דאס אלעס געמאכט ביי אונז אין זאל פון יודישער קיך אדער אין זאל וואו מען מאכט יודישע חתונות, פלעגען דאס זיין יודישע אבענדען אונטער אונז, ביי זיך, אין דער היים, ווי מען זאגט: מען פלעגט א ביסעל אבפרישען די קליידער, א ביסעל זיך דורכטאנצען, איינפאך בעלי בית'יש. הייאהר אבער האבען מיר זיך אריבער געקליבען אין א גרויסארטיגען שטאדטזאל און גאט ברוך הוא האט אונז געבענשט אז כמעט א גאנצער טוץ קריסטען לאזען זיך אריין צו אונז. מיר צאהלען אב 120 רובל א אבענד פאר א זאל, דא איז שוין גאר אנדערע רייד, עס האט זיך אוועקגעלאזען א פוין און א שיק ווי מיר האבען דאס ביז יעצט אין די אויגען ניט געזעהן; האטש די צייט איז איצט אזוי שלעכט, איז א קאכעריי ביי די שניידערקעס אין שטאדט ווי פאר די גרעסטע ירידען. עס איז גרינג צו זאגען, מען וואלט נאך געקענט חס וחלילה צום באל בלייבען אהן א קלייד. דער געפילדער אין שטאדט איז געוועזען געוואלטיג, אין גאנצען פון איין באל ביז צום אנדערען 6—5 טעג, עס איז פשוט געוועזען צוטומעלט צו ווערען. אבער ברוך השם מען האט זיך אנגעהארעוועט אפילו ניט אומזיסט, די בעלער זענען ארויס גלענצענד, עס איז געווען פול, לעבעדיג, לוסטיג, דימאנטען און בריליאנטען, אייגענע און פראקאטנע האבען געבלישצעט, געפונקעלט ווי פייער. די עטליכע קריסטען האבען שטארק מקנא געווען קוקענדיג, מיר האבען זיי געוויזען אז זיי מעגען זיך שעמען פאר אונז. אנגעטאנצט האבען מיר זיך פיעל, כמעט אהן פיס געבליבען. יעדער אבענד האט געגעבען ריינע 600 – 5 רובעל פאר אונזערע „טהייערע" ארימעלייט. בכלל, עס איז אלעס ארויס אויפ'ן בעסטען אויפן, געוועהנליך געקאסט האט דאס גענוג טרחה און געלד, גרינג איז אונז דאס ניט אנגעקומען. די מאנען און עלטערן איז אפילו דאס פערגניגען אביסיל שווער געוועזען, סקאנדאלען און סצענעס פלעגען אפילו זיין אויף יעדען רובל אפארט, נור א צרה דאס האט, אויפ'ן קלייד שטעהט דאך ניט אנגעשריבען מיט וועלך מאטערניש דאס איז אנגעקומען.

נאר אונז יודען איז אפילו דאס ביסעלע הנאה אויך ניט בעשערט. דאס ביסעלע פערגניגען ווערט ביי אונז פערשטערט דורך שלעכטע רייד און פערשידענע טענות. איינער האט זיך ארויסגעלאזען אין שטאדט דערצעהלען, אז די רוסען און פאליאקען האבען עפיס אנגעהויבען צו שטארק פון אונז צו רעדען, זיי האבען גאר ניט נעקלערט אז ביי אונז יודען זאל זיין אזא רייכטהום, אזא שיק, אזא געלד שווענדעריי און ביי




יודישע ארבייטער אין וויין-קעללער אין ארץ ישראל.

בעלייכטען די הונדערטער וועגען, די טויזענטע קערב פֿיינסטע סאָרטען טרויבען, דאָס האָבען אונזערע קאָלאָניסטען געבראַכט פֿון די ווייטע קאָלאָניעס גְדֵרָה, רְחוֹבוֹת, וואַדאַלהַאנין און פֶּתַח תִּקְוָה. דער פֿאָהרט־צו מיט דעם וואָגען צו דער גרויסער וואָג, דער פֿאָהרט אָב, דער שלעפּט די קערב אויף די פּלייצעס, אַלעס היילט, אַלעס לעבט און אַלעס פֿון דער שווערסטער ביז דער פֿיינסטער אַרבייט איז נור פֿון אונז, פֿון אונזערע ברידער אַליין, און זיי הערען גיט אויף צו אַרבייטען מיט פֿיעלען מוטה, ליעבע און האָפֿנונג...

מיר זאָלען נור וועלען העלפֿען איינער דעם אַנדערען, ניצען נור אונזערס וואָס מיר האָבען אייגענס, ווי די דייטשען טהוען, וועלכע האָבען אויך קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינאַ.

אונזערע ברידער דאַרפֿען געדענקען אַז דער צוקונפֿט פֿון ארץ ישראל איז די האָפֿנונג פֿון כל ישראל.

---

## יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדְט און שְׁטֶעדְטלִיךְ.

אין די צוויי וואָכען, וואָס איך האָב ניט געשריעבען, איז פֿאָרגעקומען אַזוינע נייעסען, וואָס זייט יודישע שטעדט זענען שטעדט האָט זיך אַזעלעכס ניט געטראָפֿען.

די ערשטע נייעס איז פֿון ה אָ ט י ן (בעסאר. גוב.). אין דער שטאָדט איז דורכגעפֿאָהרען אַ גוטער יוד ה"ר ישראַליניו פֿון מעזבוז. זייט די וועלט שטעהט ווייסען מיר אַז גוטע יודען פֿאָהרען אַרום אין די שטעדט און שטעדטליך נור צו געבען קוויטליך און נעמען געלד, אָבער זיך אינטערעסיערען מיט דער יודישער לאַגע — ווער שמועסט נאָך מיט דער ערציהונג פֿון יודישע קינדער — דאָס האָבען מיר קיין מאָל ניט געהערט פֿון גוטע יודען; און דאָ האָט דער מעזבוזער גוטער יוד ר' ישראָליניו מיט זיין גאַנצער סוויטע מיט אַלע זיינע חֲסִידִים בעזוכט די האָטינער תַּלְמוּד תּוֹרָה, פֿערהערט פֿיעל קינדער פֿון יעדען קלאָר און בְּפֵירוּש געזאָגט' אַז ער איז ענטציקט פֿון אַזאַ גוט לערנען מיט די קינדער. „דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען זעה איך עס..." האָט דער רבּי זיך געווענדעט צו ה' רייס, דעם פֿיהרער פֿון דער תַּלְמוּד תּוֹרָה און געדריקט איהם זיין האַנד מיט די ווערטער „יִישַׁר כֹּחֲכֶם" און יעדער קינד געטיילט מַטְבֵּעוֹת.

דערצו איז אויך צו בעמערקען; שרייבט אונז פֿון דאָרט ה' ש. שרייער, אַז אונזער תַּלְמוּד תּוֹרָה בעשטעהט פֿון דריי קלאַסען און עס ווערט דאָרט געלערנט אויסער לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אויך רוסיש, חֶשְׁבּוֹן און אַפּאָר מאָל אין דער וואָך ווערט מיט די קינדער געמאַכט גימנאַסטיק. די נייע גוטע אָרדענונג אין דער ת"ת האָבען מיר צו פֿערדאַנקען ה' רייס, וואָס געהערט צו די היינטיגע געבילדעטע יונגע לייט, און אויך דעם היגען יודישען אַפּטהעקערס אַ טאָכטער, וואָס האָט געענדיגט גימנאַזיע, פֿריילין מרים אַניצקאַנסקי' וועלכע לערענט אומזיסט מיט די קינדער רוסיש.

און מיט אַזאַ תלמוד תורה מיט „קלאַסען", „רוסיש", חֶשְׁבּוֹן, גימנאַסטיקע" „מיט אַ פֿריילין אַ לעהרערין" וואָס חֲסִידִים רופֿען עס אָן „שקאָלעס" ר"ל און די פֿיהרער פֿון די „שקאָלעס" „אֶפִּיקוֹרְסִים", אָט אַזאַ „שקאָלע" האָט בעזוכט אַ גוטער יוד און געבליבען צופֿריעדען מיט אַלעס און מיט דעם גאַנצען האַרצען געדאַנקט די פֿיהרער פֿון דער ת"ת.

דער רבּי האָט זיך אויך פֿערשריעבען אַלס מיטגליעד אין דער האָטינער חֶבְרָה וועלכע שטיצען אָרימע יודען וואָס איז אַדאַנק ה"ה ק. און ה. רייס בעשטעטיגט געוואָרען פֿון דער רעגיערונג.

זאָגט וואָס איהר ווילט, מיר לעבען פֿאָרט אין דעם צוואָנציגסטען יאָהר הונדערט, אַז מיר האָבען געקענט דערלעבען דאָס אַ גוטער יוד זאָל אויסער „קוויטליך", אויסער „מוֹפְתִים" און „אַרויסטרייבען אַ דִבּוּק" זאָל זיך אויך אינטערעסיערען מיט זאַכען וואָס ריהרען אָן דעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

און פֿון איצט אָן קענען מיר האָפֿען אַז אַלע גוטע יודען זאָלען אויפֿהערען קוקען נור אויף דעם הימעל, אַז מען זאָל זיי פֿון דאָרט אַראָבשיקען גרייטע געבראָטענע טויבען מיט „יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת אויף יודען". שוין צייט אַז די גוטע יודען זאָלען אויך פֿערשטעהן די פּראָסטע יודישע שפּריכווערטער „אַז פֿון דער סטעליע וואַרפֿט גאָט ניט אַראָב", „אַז מען טהוט העלפֿט גאָט".

אויב מיר ווילען אַז אויף כלל ישראל זאָלען בֶּאֱמֶת קומען יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת", מוזען מיר אַרבייטען, טהון, זיך שטענדיג אינטערעסירען מיט דער יודישער לאַגע' דאַן וועט אונז אויך גאָט העלפֿען. און ווער, ווער קען נאָך אַזוי פֿיעל גוטס טהון פֿאַר דעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל ווי די גוטע יודען וועלכע געוועלטיגען איבער צוויי מיליאָן חֲסִידִים? צום בעדויערען אָבער זיצען זיי שטענדיג פֿאַרלעגט די הענד און קוקען אין הימעל. אָט איז איצטער אַגרויסע צָרָה אויף אונזערע ברידער אין בעסאַראַביע, טויזענטער יודען שטאַרבען דאָרט און ווערען געשוואָלען פֿון הונגער. צי טהוען זיי עפּיס דערצו?

הערט וואָס עס דערצעהלט איינער אַ יוד וואָס איז אין די אונגליקליכע יודישע שטעדטליך אַרומגעפֿאָהרען דאָרטען זיך צו בעקאָנען מיט זייער לאַגע און צו העלפֿען מיט וואָס עס וועט נור מעגליך זיין.

„ניט מיט ווערטער, ניט מיט קיין פֿעדער איז מעגליך איבערצוגעבען די שרעקליכע לאַגע פֿון אונזערע אומגליקליכע ברידער וואָס שטאַרבען פֿאַר הונגער. מען מוז דאָס אַליין זעהן ווי איך, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב צו די יודישע הונגעריגע: אַ פֿאַמיליע פֿון אַ מאַן מיט אַ פֿרוי און 8 קינדער, אַלע אין איין קליין צימעריל און האָטש עס איז אַגרויס ענגשאַפֿט פֿון דעסטוועגען איז קאַלט, ווייל מען הייצט ניט. אויף דעם טיש ליגט ניט מעהר ווי אַ האַלב פֿונט ברויט און 20 אויגען קוקען הונגעריג דערויף און ווייסען ניט ווער עס זאָל אַנהויבען עסען ... דער אומגליקליכער פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע האָט זיך ערשט ניט לאַנג גערעכענט פֿאַר אַ פֿערמעגליכען בַּעַל הַבַּיִת און זייט פֿון שלעכטען אוראָזשאַי געפֿינט ער זיך אין אַזאַ לאַגע. וואָס ווייטער איז ערגער און צום נייעם יאָהר איז נאָך זעהר ווייט.

צו איין פֿאַמיליע פֿון 8 מענשען וואָס וואָהנען אויך אין איין צימעריל בין איך געקומען שַׁבָּת אין דער פֿריה. דער פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע האָט שוין אָבגעדאַווענט, נאָר צום „שַׁבָּתדיגען טיש" האָבען זיך די אומגליקליכע ניט געזעצט, ווייל עס איז ניט נור געווען קיין שַׁבָּתדיג עסען נאָר אַפילוּ ניט קיין שטיקעל ברויט. דאָס האַרץ ווערט פֿערנאָסען מיט בלוט צו זעהן דאָס אַלעס. אויב מען וועט די אומגליקליכע ניט העלפֿען קען חו"ש אָנקומען די געפֿעהרליכע טיפֿוס־קריינק.

יודען בְּנֵי רַחֲמָנִים! העלפֿט מיט וואָס יעדער פֿון אייך קען, בעווייזט אַז די צָרוֹת פֿון אַייערע ברידער זענען אַייך ניט פֿרעמד, אַרבייט יעדער אין זיין שטאָדט, קלויבט נְדָבוֹת פֿאַר די הונגעריגע, מיט אייער אַרבייט וועט איהר ראַטעווען טויזענדער יודישע נפשות פֿון דעם שרעקליכען הונגער."

די צווייטע זעלטענע נייעס שרייבט מען אונז פֿון דער גרעסטער יודישער שטאָדט וו אַ ר ש אַ, וואו עס רעכענט זיך בערך צוויי הונדערט טויזענד יודען און זיי האָבען זיך אויך אָבגערופֿען אויף דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט געטראָפֿען זייערע בעסאַראַבער ברידער און האָבען ביז היינטיגען טאָג צוזאַמען געקלאָבען פֿאַר די יודישער הונגעריגע 21 רובל 6 קאָפּ. (זאָגע, איין און צוואָנציג רובל, זעקס קאָפּ.)

אין אַדעס איז געוואָרען אַ יודישער קאָמיטעט וואָס מען קלויבט טויזענדער רובל פֿאַר די הונגעריגע. דעסטגלייכען פּעטערסבורגער, מאָסקווער יודען הערען ניט אויף שיקען זייער הילף. פֿיעל קליינע יודישע שטעדטליך העלפֿען אויך מיט געלד. נור וואַרשאָווער יודען אינטערעסיערט כלל ניט דאָס גרויסע אומגליק וואָס האָט געטראָפֿען די בעסאַראַבער יודען.

וואו איז דאָס יודישע האַרץ' דאָס יודישע רַחֲמָנוּת?

אין אַזאַ אומגליק דאַרף ניט זיין קיין חִילוּק צווישען אַ פּוילישען יוד ביז אַ ליטוואַק, אַפילוּ קריסטען מאַכען אויך ביי אַזאַ אומגליק קיין חילוק צווישען „קריסט" אָדער „יוד" און העלפֿען יעדען הונגעריגען.

דער מאָהיליבער יודישער לעהרער מאַכט אפילוּ קיין חִילוּק צווישען יודישע און קריסטליכע מִנְהָגִים. ה' מ. ל י ק ע ר מ אַ ן שרייבט אונז פֿון מאָהיליב (פּאָדאָל. גוב.) אַז דער יודישער לעהרער ה' ק. האָט

= זעהר ריכטיג! אין אונגארישען אבגעאָרדנעטענהויז האָט דער אַנטיסעמיט בוזאט געפאָדערט אין נאָמען פון זיין פארטיי, מען זאָל פערוועהרען רוסישע און פוילישע יודען אינצוואנדערן אין אונגארן דא:יי האָט ער ניט געזשאלעוועט קיין זידלערייען יודען. בשעת ער האָט געהאַלטען זיין רעדע האָבען איהם די אַנטיסעמיטען מיטגעשטימט. איין יוד מיט דעם נאָמען יוליוס ראָזענבערג האָט אויך געשריען אויף זיין רעדע׳ זעהר ריכטיג!

*

**רוסלאנד.** = הילף פאַר הונגעריגע. אויף דער זיצונג פון 26 יאנואַר פון אדעסער קאָמיטעט צו העלפען די נויטלײדענדע יודען אין בעסאראביע האָט מען מוריע געווען: אַז דער מאָסקווער פעראיין אונטער פאָרזיץ פון ה׳ ביסק האָט בעשלאָסען זיך צו פעראייניגען מיט דעם אָדעסער קאָמיטעט און צו אַרבייטען צוזאַמען פאַר די הינגעריגע; אַז מען האָט שוין געשריעבען אין פערשיעדענע שטעדט און פאָרגעלעגט צו מאַכען קאָמיטעטען, אַז כדי אומעטום זאָל זיין אָרדנונג אין געבען הילף ווערט אויסגעארבייט איין אינסטרוקציאָן און אַ פאָרם ווי צו מאכען אַחשבון פון הוצאה והכנסה.

בעזאָנדערס אינטערעסאנט איז געווען דער רעפעראט פון מ. דיזענהאָף, וועלכער האָט אין שליחות פון קאָמיטעט בערייזט דעם בענדערער אױעזד, כדי צו דערגעהען ווי גרויס די נויט איז אין פערשיעדענע ערטער און וויפיעל מען דארף הילף. פון דעם רעפעראַט זעהט מען אַז די צאָהל פון די נויטבעדערפטיגע פאמיליען אין בענדערי איז 300 (800 זעעלען), אין קוישאני — 100 (600 ז׳), אין צשימישליא — 115 (690 ז׳), אין ראמאנאווקא — 130 פאַמיליען (780 ז׳) א. ז. וו. אויסהאַלטען די נויטבעדערפטיגע אין די אַלע ערטער אין לויף פון 6 חדשים איז נייטהיג לויט חשבון צו 6 ביז 7 קאָפ׳ אויף אַ מענש אין איין טאָג, סך הכל נישט וועניגער ווי 50 ביז 54 טויזענד רובעל. עס קען זיין אַז די סומע וועט שפעטער נישט קלעקען, ווייל די צאָהל פון די נויטבעדערפטיגע פערגרעסערט זיך מיט יעדען טאָג. קאָמיטעטען צו געבען הילף איז לעת-עתה דאָ נור אין בענדערי. דער דאָרטיגער קאָמיטעט וויל מאכען אַקיך צו געבען ביליגעס עסען. אַ מיטאָג וועט בעשטעהען פון זופ און פון 1/2 פונט פלייש, און וועט קאָסטען נישט וועניגער ווי 6 קאָפ׳. דער בענדערער קאָמיטעט בעט דעם אָדעסער ער זאָל איהם אסיגנירען אויף אויסהאַלטונג פון דער קיך 60 רובעל מאָנאַטליך און אויב עס איז מעגליך נאָך 60 רובי׳ אויף טהיילען ברויט.

דער אַדעסער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען: אַז מען דארף עפענען אין אַלע ערטער וואו עס איז מעגליך אַזוינע קיכען, צו מאכען אַקיך אין בענדערי לעת-עתה אויף איין חדש אַלס פראָבע, און צו געבען אויף דעם דאָס נייטהיגע געלד, לויט דעם חשבון וועלכעס וועט ווערען געמאכט דורך אַ בעזאָנדערע קאָמיסיאָן.

לויט די ידיעות וועלכע דער אָדעסער קאָמיטעט האָט צוזאַמענגענומען אין אַקערמאנער און בענדערער אויעזד זעהט מען ארויס, אַז מען דארף האָבען אסך געלד, כדי אויסצוהאַלטען די נויטבעדערפטיגע במשך פון 6 חדשים, און אַז די נדבות וועלכע מען האָט ביז יעצט צוזאַמענגעקליבען. וועלען נישט קלעקען אפילו אויף אַקורצע צייט. אין דעם איזמאילער אויעזד האָט דער אָדעסער קאָמיטעט לעת עתה נאָך גאָר נישט געשיקט קיין געלד, מען דארף יעצט אָנווענדען אלע כחות כדי נישט צו לאָזען פאַלען די הונגעריגע אין בעסאראביען, וועלכע בעטען און שרייען וועגען הילף. מען דארף נישט פערזוימען קיין מינוט דען עס געהט אום סכנות מיט טויזענדער נפשות. (וואָסחאָד).

= בילדער „פון בעסאראביען. דער קאָרעספאָנדענט פון „וואָסחאָד" ה׳ לאנדער, וועלכער איז געפאָהרען קיין בעסאראביען אין שליחות פון דער רעדאקציאָן, צו בעקענען זיך מיט דער לאגע פון די נויטבעדערפטיגע און פערנאנדצוטהיילען די נדבות וועלכע קומען צו דער רעדאקציע, שילדערט אזוי דעם מעמד פון די נויטליידענדע:

„איך בין געווען אין אַקערמאן, בייראמצשאַ, אַרציז, טארוטינא, ראמאנאווקא און אנדערע שטעדטליך אין אקערמאנער אויעזד, וועלכער האָט מעהר געליטען פון דעם ניט געראטעניש ווי אנדערע אויעזדען. אומעטום האָב איך געטראָפען דאָס אייגענע שרעקליכע בילד. מענשען וועלכע האָבען מיט 6 – 8 מאָנאטען צוריק געלעבט מיטעלמעסיג און אליין געגעבען צדקה, ליי:ען יעצט פשוט הונגער. די סבה דערפון איז, דאָס אַלע יודישע איינוואָהנער אין אַקערמאנער אויעזד האָבען פריהער געהאט צווייערליי בעשעפטיגונגען, וועלכע האָבען זיך כמעט ווי אויסגעלאָזט. איין טהייל האָט געהאַנדעלט מיט געטריידע, און איין טהייל האָט זיך פערנומען מיט מלאכות. תבואה ארויסצופיהרען איז יעצט נישטאָ, און די בעלי מלאכות פערדיענען נור פון די פויערין, וועלכע זענען איצט אליין אָרים, אויסערדעם פלעגען זיך פיעל יורען פערנעהמען מיט קייפען און פערקויפען אויף די מערק, און יעצט איז שטיל אין די מערקטעג; די פויערין קומען נישט אויף די מערק".

„כדי צו געבען חאָטש אַקליינעם בעגריף פון דעם וואָס געהט פאָר אין די ערטער ווי עס הערשט דער הונגער — שרייבט ה׳ לאָנדער — „וועל איך אייך שילדערען אייניגע בילדער וועלכע איך האָב געזעהען מיט אייגענע אויגען":

„אַ פאמיליע פון 8 קליינע קינדער וואָהנט אין אַ קלייניגקע שטיבעלע, די נפשות קענען מיט זייער הויך נישט דערוואַרמען דאָס שטיבעלע, וועלכעס מען האָט שוין 2 וואָכען נישט געהייצט, אויף דעם טיש ליגט אַ שטיקעל ברויט פון 1/2 פונט. אלע קוקען אויף דעם, נאָר קיינער וואגט עס נישט צו נעהמען, דען ער ווייסט נישט ווען עס קומט פריהער, די פנימ׳ער זענען ביי אלעמען בלאָס און אויסגעטרוקענט, דער פאָטער דערצעהלט: איך בין אַגאנצע וואָך אַרומגעגאנגען פון איין דאָרף אין אַנדערען, האָפענדיג צו בעקומען עפיס אַ פערדינסט, און בין צורוקגעקומען מיט ליידיגע".

„אין איין אַנדער שטיבעלע, אָרער ריכטיגער אַ לאָך, ליעגט אַקינפעטאָרין; אין שטוב איז פינסטער, האָטש עס איז שוין נאכט (דען עס איז נישטאָ פארוואָס צו קויפען אַ גראָשענדיג ליכטעל); אַלע ארום זעהען אויס ווי די מתים: דער פאָטער וויינט מיט ביטערע טרערען און דערצעהלט, אַז ער איז אַגאנצען טאָג אַרומגעלאָפען צו שכנים, כדי צו באָרגען עטליכע גראָשען, און ער האָט נישט געקריעגען אפילו אויף צו קויפען אַ ליכט, נישט צו רעדען וועגען ברויט און הייצונג א. ד. ג. איך בעשולדיגע נישט די שכנים — האָט ער געזאָגט — דען זיי האָבען אַליין שוין לאנג נישט געזעהען אַ שטיקעל ברויט. איך וואָלט אַלעס פערזעצט וואָס איך האָב, נאָר עס איז נישטאָ ביי וועמען".

*

**דייטשלאנד.** = פערזאַמלונג פון יודישע לעהרער. דעם 25 דעצעמבער איז געווען אַ פערזאַמלונג פון יודישע לעהרער אין פאָמערן, אויף וועלכער עס זענען אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע בעשליסע:

1) די בילדונג וועלכע די יודישע לעהרער ערהאַלטען אין די יודישע לעהרסעמינארען איז פיעל קלענער ווי די בילדונג פון די קריסטליכע לעהרער, און דארום דארף מען פערגרעסערען דאָס פראָגראַם פון די סעמינארען.

2) די קענטניסען, וועלכע די יודישע לעהרער בעקומען אין רעליגיאָנס-לעהרע, אין יודישע געשיכטע און אין לשון קדש, איז דורכאויס נישט גענוגענד.

*

**רומעניען.** = יודישע שולען אין רומעניען. די רומענישע רעגירונג מאַכט די יורען די גרעסטע שוועריגקייטען אין די שולען, אַזוי אַז עס איז כמעט אונמעגליך זיי זאָלען עקזיסטירען. די אינספעקטאָרען פאָרדערען אַז מען זאָל אין די יודישע שולען נישט נור לערנען די אייגענע למורים ווי אין די אַלגעמיינע שולען מיט דערזעלביגער צאָהל פון שטונדען. אין די יודישע שולען פערנעהמען אָבער לשון קדש און יודישע אמונה מעהר צייט ווי די קריסטליכע רעליגיאָן אין די אַלגעמיינע שולען. און אַזוי האָבען די אינספעקטאָרען אַ געלעגענהייט צו נעהמען שוחד, ווי ווייט מען דריקט די יודישע שולען אין רומעניען זעהט מען דערפון, דאָס איין אינספעקטאָר אין דער מאלדווי האָט פאָרגעלעגט מען זאָל פערמאַכען די יודישע שולען, וועלכע געפינען זיך אונטער זיין השגחה, דערפאַר ווייל די קינדער געהען אין חיטלען בשעת זיי לערנען חומש און אויף אזא אופן זענען זיי משנה דעם מנהג פון אנדערע שולען. פון די יודישע סטודענטען וועלכע לערנען אין די אוניווערזיטעטען פערלאַנגט מען זיי זאָלען צאָהלען פאַרן לערנען 320 פראַנק יעהרליך, בעת די קריסטען צאָהלען אַ סך וועניגער.

*

**ענגלאנד.** = אקציעס פון יודישען קאָלאָניאַל באַנק. כדי צו פערגרינגערען דאָס קויפען פון אַקציעס פון יודישען קאָלאָניאַל-באַנק, וועלכע זענען אויסגעשריעבען אויף דעם נאָמען פון פאָרצייגער, האָט דאָס באנקהויז ליססא און קאָן אין האאג (האָלאַנד) גענומען אויף זיך צו פערקויפען אקציעס, וועלכע זענען שוין אין גאנצען איינגעצאָהלט געוואָרען, די אקציעס האָבען זיי בעקומען צום פערקויף פון אייפ׳יגע ציוניסטען. וועלכע ווילען צעשפ׳ייטען די אַקציעס. אין באנקהויז ליססא און קאָן וועלען זיך די אקציעס פערקויפען צום דאָ׳יגען פרייז: 2 שטיק וועלען קאָסטען 19,60 ר׳ 3 שטיק 29 ר׳ 5 אקציעס 48,50 ר׳ און 10 שטק 96 ר׳, דער גערבאָווער אָבצאָהל וועלכער קומט פון די אקציעס וועט ווערען אָבגערעכענט פון דעם ערשטען דיווידענט-קופאָן. די אקציעס קען מען בעקומען אין רוסלאנד ביי די מאסקאָווער אינטערנאציאָנאל-באנק און טאָמסקער געזעלשאפט פון געגענזייטיגען קרעדיט.

*

**איטאליען.** = יצחק ארטאָם. אין רוים איז געשטאָרבען דער יודישער סענאַטאר יצחק ארטאָם. דער איטאליענישער מלך האָט געשיקט אַ שליח איהם מלוה צו זיין, עס האָבען איהם אויך מלוה געווען די מיניסטארען און נאָך אנדערע גרויסע לייט. 1858 ביז 1861 איז ארטאם געווען אַ סעקרעטאר פון בעריהמטען מיניסטער קאַוואור. ער האָט אויך געמאַכט אייניגע וויכטיגע חבורים.

*

**ארץ ישראל.** = אַ געבעט פאַר דעם ענגלישען חיל. אין ירושלים האָבען די יודען געזאָגט אַ תפלה אין שול פאַר דעם גליק פון ענגלישען חיל אין טראַנסוואל, אויף דער תפלה זענען געוועזען די אָבערראבינער און דער ענגלישער קאַנזול.

*

**אמעריקא.** = די יודישע קאָלאָניע „וואודביין". די יודישע קאָלאָניע „וואודביין", וועלכע ליעגט נישט ווייט פון פילאדעלפיא (פעראייניגטע שטאַאַטען), איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1892 מיט דער הילף פון „באַראָן הירש פאָנד". אין איהר געפינט זיך איין אַקערבוי שולע צו לערנען יונגע לייט ערדאַרבייט, זיי זאָלען קענען דערפון האָבען פרנסה. די שולע איז געגרינדעט געוואָרען נישט מיט איין מאָל נאָר ביסלעכווייז. עס האָט זיך

אָנגעהויבען מיט דעם, דאָס דער דירעקטאָר פֿון דער קאָלאָניע פּראָפ׳ סאַבשאוויץ האָט אין ווינטער פֿון יאָהר 1893 פֿאָרגעלייענט פֿאַר די קאָלאָניסטען רעפעראטען איבער ערדאַרבייט. ביסלעכווייז איז געוואָרען אַ רעגעלמעסיגער קלאס פֿון 15 שילער, פֿון אַ שייער איז געמאַכט געוואָרען אַשולע אין וועלכער מען האָט איינגעריכטעט אַ צימער צום לערנען וויסענשאַפֿטען און א צימער פֿאַר אַ וואַרשטאַט צו לערנען אייניגע מלאכות. שפּעטער האָבען די שילער אָנגעהויבען זיך צו בעשעפֿטיגען מיט ערדאַרבייט, גערטנערייַ און פֿיהצוכט.

אין די ערשטע פֿאָר יאָהר האָט זיך אַרויסגעוויזען ווי ניצליך און נייטהיג אַזא שולע איז פֿאַר יודען. דאָס האָט אויך איינגעזעהען די יודישע קאָלאָניאַלגעזעלשאַפֿט, און זי האָט ארויסגעזאָגט איהר רצון צו געבען דאָס נייטהיגע געלד כדי איבערצומאַכען די קליינע שולע צו אַ גרויסע אַנשטאַלט. עס איז דאָ אַ פּראָיעקט צו פֿערגרעסערען די שולע, אַז זי זאָל קענען אויפֿנעהמען 250 שילער און שילערינען. די שול פֿערמע געפֿינט זיך אונגעפֿעהר 10 מינוט פֿון דער סטאַציאָן וואודביין און פֿערנעהמט איין אויסגעצייכענט בעאַרבייטעטעס שטיק לאַנד. די הויפּטפּראָדוקטען פֿון דער פֿערמע זענען אויבסט, גרינסען, פֿון וועלכען עס ווערט אַגרויסער טהייל פֿערקויפֿט. אויסער דעם שולהויז געפֿינען זיך אין דער פֿערמע הייזער, אין וועלכע עס ווערען געהאָדאָוועט ביז 300 עופות, איין שטאַל פֿאַר 25 שטיק פֿיה, אַ ווינדמיהל, אייניגע שייערען, אַ מאַלקערייַ, אַ דריישטאָקיג הויז צום שלאָפֿען פֿאַר די קינדער. די שילער זענען על פי רוב פֿון זעהר אָרימע עלטערען און דערום בעקומען זיי אומזיסט עסען און מלבושים. די שילער לערנען ענגלישע שפּראַך, חשבון, געשיכטע, רעליגיאָן און אויך למודים וועלכע געהערען צו זייער פֿאַך, און אויך בוכפֿיהרונג און קאָרעספּאָנדענץ.

= דער מעמד פֿון די יודישע קאָלאָניעס אין אמעריקא. דער לעצטער דין וחשבון פֿון דער „יודישער עמיגראַציאָנסגעזעלשאַפֿט" אין פֿילאַדעלפֿיא (פֿעראייניגטע שטאַאטען) בעווייזט דעם גוטען שטאַנד פֿון דער יודישער קאָלאָניע „אַליאַנס" וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם באראָן הירש אין ניו דזערסי. אין דער קאָלאָניע „אַליאַנס" וואָהנען 96 פֿאַמיליעס אָדער 512 מענשען; פֿון זיי פֿערנעהמען זיך 33 פֿאַמיליעס אויסשליסליך מיט ערדאַרבייט, 12 פֿאמיליעס — מיט ערדאַרבייט און שניידערייַ, 36 — מיט ערדאַרבייט און אנדערע מלאכות, און 15 — ניר מיט שניידערייַ. די קאָלאָניע האָט 1500 אַקער ערד, 55 פֿערד, 79 קיה און אָקסען. די ערנטע פֿון לעצטען יאָהר האָט מען אָבגעשאַצט אין 17,802 דאָלאר. דאָס איבעריגע האָבען די קאָלאָניסטען אליין פֿערניצט. אין דער קאָלאָניע „כרמל" געפֿינען זיך די קאָלאָניסטען אין דעם אייגענעם מעמד. בכלל זענען די קאָלאָניסטען צופֿריעדען און קלאגען זיך נישט אויף זייער לאַגע.

— יודישער טעכנישער אינסטיטוט אין ניו יאָרק. אין ניויאָרק איז געווען די יעהרליכע פֿערזאַמלונג פֿון די דירעקטאָרען פֿון דעם „יודישען טעכנישען אינסטיטוט" (Hebrew Technical Institute) דער דין-וחשבון פֿון פרעזידענט האָט געוויזען אַז דער אינסטיטוט געפֿינט זיך אין אַגוטען שטאַנד. די צאהל פֿון די שילער איז 200; די שילער פֿערשטעהען זעהר גוט זייער פֿאַך און אַלע בעקומען באלד אַשטעלע ווי זיי ענדיגען נור די שולע. פּראָפ׳ קראָקער פֿון דער קאלומביא-אוניווערזיטעט האָט געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט בעוויזען ווי ניצליך עס זענען אזאָלכע טעכנישע שולען. ער האָט געזאָגט אַז דער יודישער טעכנישער אינסטיטוט שטעהט העכער ווי אלע אנדערע אינסטיטוטען פֿון דער אַרט.

*

**אפֿריקא.** — איין מודעה. אין אַ צייטונג אין אורן (אלזשיר) איז געווען געדרוקט איין מודעה פֿון אַ סוחר: „קויפֿט גאָר נישט ביי דעם יוד... דען זיין גאנצע סחורה איז געגזליט ביי כריסטען, און דערום קען ער פֿערקויפֿען האַלב אומזיסט!" ווי די מודעה איז נור געדרוקט געוואָרען האָבען זיך אָנגעהויבען צו שוטען צום יודען קונים פֿון אלע זייטען, דען עס האָבען זיך געפֿונען אַ סך בעלנים צו קויפֿען סחורה וועלכע ווערט פֿערקויפֿט האַלב אומזיסט...

---

# אלגעמיינע וועלט נייעס.

**רוסלאנד.** = אינסטיטוט פאר רעכענמייסטער. פאר דעם רעגיערונגס-ראטה איז פארגעלעגט געווארען א פראיעקט פון פינאנץ-מיניסטער צו גרינדען איין אינסטיטוט פאר בוכהאלטערס. דער אינסטיטוט וועט האבען דאס רעכט ארויסצוגעבען זיין צייטונג, צו האבען א ביבלאטהעק און א לעזע ביבלאטהעק, צו מאכען פארלעזונגען. די וועלכע וועלען ענדיגען דעם אינסטיטוט, וועט׳ען בעקומען דעם טיטעל פון סצאטאווא (רעכענמייסטער) ערשטע און צווייטע קלאסע, און פון זיי וועלען ווערען אויסגעקלויבען געשווארענע רעכענמייסטערס, צו רעווידירען האנדעלסביכער. מיט דער צייט וועט דער אינסטיטוט קענען עפענען פיליען אין אנדערע שטעדט.

= די הכנסה פון טעלעגראף. די הכנסה פון טעלעגראף האט פאריגעס יאהר בעטראפען 15,202,433 רובל, ד. ה. מיט 458,834 רובל מעהר ווי פאריגעס יאהר.

= אלטע בלאנקען פון וועקסעל. די רעגירונגס באנק האט ערקלערט אז מען קען אויסשרייבען וועקסלען אויף בלאנקען אין וועלכע עס איז געדרוקט דאס יאהר „18.." און איבערמאכען די ציפער 8 אויף 9. נאר מען מוז דאבײַ איינשרייבען אין וועקסעל, אז עס איז פערריכט געווארען די ציפער.

= די אויסארבייטונג פון זוייך. אין אנהויב פון 19-טען יאהרהונדערט איז אויסגעארבעט געווארען וויין אין אלע לענדער פון דער וועלט בערך 500 מיליאן עמער. 50 יאהר שפעטער האט זיך פערגרעסערט די אויסארבייטונג פין וויין ביז 800 מיליאן און היינט טרעפט זי אן מעהר ווי אַ מיליארד. פראנקרייך גיט ארויס וויין 363 מיליאן עמער, איטאליען — 175, שפאניען — 144, רוסלאנד 23 א. ז. וו.

= סטעארין-ליכט פאבריק. איינס פון די האנדעלסצווייגען וועלכע ברענגען א שען פערדיענסט איז פאבריקאציאן פון סטעארין ליכט. די פאבריקאציאן געפינט זיך אין רוסלאנד נור אין אייניגע הענד. איין בעלגישע געזעלשאפט האט יעצט געגרינדעט אין אדעס א גרויסע פאבריק פון סטעארין-ליכט און ארייגעלעגט אין דעם עסק 2,000,000 פראנק.

= שפאר-מארקעס. פון דעם 1/13 יאנואר איז איינגעפיהרט געווארען אין רוסלאנד א נייע פארם פון שפארען געלד דורך שפעציעלע שפאר מארקעס. עס וועלען זיין בעזונדערע מארקעס אויף די קלענסטע סומען וועלכע וועלען ווערען אויפגעקלעבט אויף א טאוועל.

אין רוסלאנד איז דער ארט שפארען געלד נאך א נייעס, אין אנדערע לענדער אבער איז עס שוין איינגעפיהרט פין לאנגע יאהרען. אין ענגלאנד האט דאס פאלק ביז יעצט אנגעקליבען אויף אזא אופן $2^1/_2$ מיליארד פראנק.

די שפאר-מארקעס וועלען ווערען פערקייפט אייך אין די מאנאפאל-געוועלבען.

= אשרפה אין לאדז. אין לאדז איז פערברענט געווארען דעם 25-טען יאנואר די פאבריק פון ש. ראזענבלאט. דער היזק בעטרעפט 400,000 רובעל. עס איז אומגעפאלען א וואנד פון איין געביידע און געהרגט 5 מענשען, פיעל זענען פערוואונדעט געווארען.

*

**דייטשלאנד.** = א נייע ערפינדונג. Gazeta handlowa איז מודיע וועגען א וויכטיגע ערפינדונג, וועלכע איין בערלינער אינזינער ה׳ ציגלער האט נעמליך געפינען א מיטעל ווי צו מאכען פין טארף קוילען און ער האט שוין בעקומען אויף דעם א פאטענט אין אלע אייראפעאישע מלוכות. עס האבען זיך שוין געמאכט אייניגע געזעלשאפטען אויסצוארבייטען קוילען פין טארף. די פאבריקאנטען האפען אז מען וועט קענען בענוצען די ניי אויסגעארבייטעטע קוילען אנשטאט האלץ-קוילען וועלכע זענען נייטהיג אין פערשיעדענע פאבריקאציאָנען.

*

**שווייץ.** = פערזיכערונג פון ארבייטער געגען מאנגעל פון ארבייט. זעהר אפט מאכט זיך א שלעכטע צייט פאר ארבייטער, ווען זיי פערליערען זייער ארבייט, און האבען נישט אויף ברויט. לייֵדער גיט זי נישט די ארבייט, אפילו אין דער בעסטער צייט, אזוי פיעל פערדיענסט זיי זאלען קענען אבלייגען אויף דער שלעכטער צייט.

אין באזעל איז פארגעלעגט געווארען פון דער רעגירונג א פראיעקט צו פערזיכערען ארבייטער פין ארבייט-מאנגעל וועלכער קומט נישט דורך זייער אייגענעם שולד.

די ארבייטער ווערען איינגעטהיילט אין 4 גרופפען, לויט דעם גראד פון געפאהר וועלכער יעדער קען אונטערפאלען צו בלייבען אהן ארבייט. יערער צאהלט פון $2^1/_2$ ביז 50 סאנטים א חדש. אויך די אונטערנעהמער דארפען צאהלען פון יעדען ארבייטער וואס זיי דינגען, א געוויסע סומע פון 10 ביז 20 סאנטים מאנאטליך. אויסערדעם האט אויך די רעגירונג בעשטימט א געוויסע סומע אויף דעם צוועק. דורך דעם וועט צוזאמענגעמאכט א גרויסעס קאפיטאל, וואס יעדער ארבייטער וועלכער בלייבט אהן ארבייט קען זיך ווענדען צו דער קאסע, ווען ער וואהנט וועניגסטעס איין גאנץ יאהר אין באזעל און צאהלט אין דער קאסע רעגעלמעסיג במשך פון $^1/_2$ יאהר. אין דעם פאל צאהלט איהם די קאסע במשך פון 70 טעג אין יאהר פון 70 סאנטים ביז 2 פראנק יעדען טאג. ארבייטער וועלכע האבען פערלוירען זייער ארבייט ווייל זיי האבען געמאכט א סטרייק (סטאצשקע) בעקומען נישט קיין שטיצע.

*

**האלאנד.** = ארציחה אויס אבערגלויבען. אין האָלאנד, א לאנד וועלכע ריהמט זיך מיט רעכט מיט איהר בילדונג, איז געשעהען איין רציחה אין נאמען פון דער אמונה. אין דארף אפעלטערן געפינט זיך א קריסטליכע סעקטע מיט דעם נאמען „פיעטיסטען", וועלכע מאכען אלעמאל רעליגיעזע פערזאמלונגען. אויף איין פערזאמלונג האבען אייניגע געזאגט, אז אין הויז געפינט זיך דער טייוועל, וועלכער איז אריין אין גוף פון דעם ארבייטער ברינקמאן. שערף דער בעל-הבית פין הויז וואו עס איז געווען די פערזאמלונג, האט געשיקט נאך ברינקמאן, און ער האט אנגעהויבען צו בעשווערען דעם טייוועל ער זאל ארויס פון זיין קערפער, און נאכהער, ווייל דער טייוועל האט א פנים נישט געוואלט ארויס, האט ער ברינקמאן׳ען דערשלאגען מיט א שטיק אייזען. אלע אין שטוב האבען אויך געשלאגען ברינקמאן׳ען כדי

ארויסצוויאגען דעם טייוועל, און האבען געוואשען די הענד אין זיין בלוט. אויף דעם צווייטען טאג האט שערף אליין דערצעהלט וועגען זיין גבורה דאס ער האט ארויסגעיאגט א טייוועל פון אמענש. די פאליציי איז געקומען צו שערף בעת דער געהרג'טער איז נאך געלעגען אין שטוב. דאס פאלק, וועלכעס איז געוואהר געווארען דערפון, האט פאר כעס צונומען דאס גאנצע הויז פון שערף.

*

**טערקיי.** = אמרידה צווישען דעם טערקישען חיל. די „פראנקפורטער ציימונג" איז מודיע, אז דאס טערקישע חיל אין באגדאד האט געמאכט א בונט, און האבען געראבירט די געוועלבען, ווייל מען האט זיי נישט בעצאהלט זייער געהאלט. עס האט זיך אויפגעהערט דער בונט נור דאן, ווען מען האט אויסגעצאהלט דעם חיל געהאלט פאר איין האלבען חדש.

*

**טראנסוואל.** = די גבורה פון טראנסוואאלער פרויען. איין ענגלישער סאלדאט שרייבט אין די צייטונגען, אז די פרויען און קינדער פון די בורען העלפען די מענער אין דער מלחמה. אין מיטען דער מלחמה, בעת פון אלע זייטען זענען געפלויגען די קוילען ווי האגעל, האט ער געזעהען ווי די פרויען פון די בורען האבען צוגעטראגען די מענער פאטראנען, געהענדיג דורך די אפענע נישט געשיצטע ערטער. נאך זיי זענען געלאפען קינדער מיט זעקעליך אין די הענד; פיעל פון זיי זענען געפאלען. . .

*

**אפריקא.** = דאס לאנד אופיר. דער בעריהמטער רייזענדער קארל פעטערס איז נישט לאנג געקומען צוריק פון זיין רייזע אין אפריקא, וואו ער האט אויסגעפארשט דאס לאנד וועלכעס געפינט זיך אין דרום-זייט פון טייך זאמבערי, ער איז איבערצייגט אז דארט נעבען טייך מואיר געפינט זיך דאס לאנד אופיר וועלכעס איז אונז בעקאנט פון תנ"ך און פון וועלכען דער מלך שלמה האט צוזאמען מיט חירם מלך צור ארויסגעפיהרט גאלד, דאס לאנד רופען איצט די איינוואהנער פור, וואס איז פערקירצט פון אופיר. די דארטיגע איינוואהנער דיענען צו דער זון און צו פייער, און האבען א פנים ווי סעמיטען. אין די בערג געפינען זיך שפורען פון שאכטען (רודניקעס) וואו מען האט אמאל געגראבען גאלד.

*

**אזיען.** = פון פאריז איז מען מודיע די קאנסטאנטינאפלער צייטונגען, אז אין פאריז איז געגרינדעט געווארען א באנק צו שטיצען די געשעפטען וועלכע אייראפעאישע קאפיטאליסטען ווילען מאכען אין קליינאזיען. אין באנק האט מען שוין ארייגעטראגען אקאפיטעל פון 12,500,000 פראנק.

= דער פערסישער שאך. ווי עס שרייבט דער Temps וועט דער פערסישער שאך פאהרען אויף דער פאריזער וועלט אויסשטעלונג. ער וועט ארויספאהרען אין חדש פעברואר און בעזוכען די גרעסטע שטעדט פון אירופא. אין פאריז וועט ער פערברייגגען 2 וואכען. דעם שאך וועט בעגלייטען א גרויסע סוויטע, און אויך דער גראסוויזיר, דער שאך וויל דעם גראסוויזיר בעקאנט מאכען מיט די אירופעאישע ארדנונגען, ווייל ער וויל איינפיהרען רעפארמען אין פערסיען.

---

## ציון־לִיעדֶער.

II.

### וָואס מַאכְט דִי מַאמֶע ?

וָואס הֶערְט־זִיךְ בְּרוּדֶער אִין דֶער הֵיים ?
וָואס מַאכְט דִי אַלְטֶע מַאמֶע ?...
אַךְ, נִיט פֶערְגֶעס זִי, נִיט פֶערְשֶׁעם, —
זִי אִיז קֵיין מָאדְנֶע דַאמֶע :
זִי אִיז פוּן יֶענֶער אַלְטֶער וֶועלְט,
וֶוען מֶענְשֶׁען פְלֶעגֶען גְלוֹיבֶּען,
אַז נוּר אַ עַכְטֶער, שְׁטַארְקֶער הֶעלְד
דַארְף זַיין בַּיי'ם פָאלְק עֶרְהוֹיבֶּען,
נוּר דֶער, וָואס וֵוייסְט דֶעם עוֹלָם'ס שְׁמֶערְץ,
דֶעם בִּיטֶערֶען אוּן שְׁוֶוערֶען,
אוּן טְרָאגְט זַיין יָאךְ, אוּן פִיהלְט זַיין הֶערְץ,
אוּן וֵויינְט מִיט זַיינֶע טְהְרֶערֶען,
אוּן פִיהלְט זִיךְ גְלִיקְלִיךְ, פְרִישׁ אוּן גוּט
וֶוען גָאט בַּאשֶׁערְט פַארְגִיסֶען
דֶעם לֶעצְטֶען הֵייסֶען טְרָאפֶּען בְּלוּט,
דֶעם טוֹידְט פַאר אִיהְם גֶענִיסֶען...
דִי אַלְטֶע מַאמֶע הָאט אַ מָאל
גֶעהַאט אַזוֹינֶע רִיזֶען,
וָואס הָאבֶּען שְׁטַארְקֵייט אָהְן אַ צָאל
דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בֶּעוִויזֶען.
זִי פְלֶעגְט זֵיי קוּשֶׁען יֶעדֶע וואוּנְד,
בֶּעוַואשֶׁען זִי מִיט טְהְרֶערֶען...
וָואס מַאכְט דִי אַלְטִיצְקֶע אַצוּנְד ?
וָואס לָאזְט זִי עֶפִּים הֶערֶען ?...

---

III.

### דֶער מַאמֶע'ס קְלָאג.

אִין שְׁטוּב אוּן אִין שְׁמוּץ
פֶערְלָארֶען אִיהְר גוּטְס,
פֶערְלָארֶען אִיהְר לֶעצְטֶע נְחָמָה...
פֶערְטְרוּקֶענְט, פֶערְבְּלִיהְט
אוּן קוּים וָואס עֶס גְלִיהְט,
עֶס הַאלְט זִיךְ אִין אִיהְר דִי נְשָׁמָה...

זִי לִיגְט נֶעבֶּען וֶועג...
עֶס צִיהֶען־זִיךְ טֶעג
עֶס גֶעהֶען חֳדָשִׁים אוּן יָאהְרֶען,
זִי טְרַאכְט אָהְן אַ שִׁיעוּר
„— וָואס אִיז דָאס מִיט דִיר,
מַיין זוּהְן, מַיין בֶּן־יָחִיד, גֶעוָוארֶען ?

אוֹיב גוּט אִיז דִיר דָארְט,
דֶערְמָאן־זִיךְ דָאךְ פָּארְט,
וִוי מִיר אִיז בֶּעשֶׁערְט זִיךְ צוּ מִיהֶען,
דֶערְמָאן־זִיךְ, וִוי לַאנְג
לִיגְט עֶלֶענְד אוּן קְרַאנְק
דִי אַלְטֶע אַלְמָנָה פוּן צִיוֹן !...

אוּן אוֹיב דִיר אִיז שְׁוֶוער,
טָא קוּם־זְשֶׁע אַהֶער,
קוּם, קִינְד מַיינְס, אַהֵיים, צוּ דַיין מַאמֶען :
צוּזַאמֶען אִי פְרֵייד
גֶענִיסֶען, אִי לֵייד,
אוּן לֶעבֶּען אוּן שְׁטַארְבֶּען צוּזַאמֶען!...

ש. פרוג.

---

## די פַאמיליענפַאפירען.

זכרונות פון דוד המלך'ס פאמיליע.

פין א. ש. פרידבערג.

(פאָרטזעצונג).

— גוט מאָרגען, ליעבער פריינד! — רוף איך דורכ'ן פענסטער.

„גוט יאָהר, ליעבער גאַסט! — ענפערט מָנוֹחַ (אַזוי הייסט מיין בַעל־הַבַּיִת) — אָבער פאַר וואָס זייט איהר אַזוי פריה אויפגעשטאַנען? האָט זיך עס אין מיין הויז שלעכט געשלאָפען?

— ווער קען האַלטען פערשלאָסען זיינע אויגען ווען דאָס גרויסע אויג אין הימעל איז אַזוי העל און אָפען? — ענפער איך ווייזענדיג אויף די פרעכטיגע זון — דאָך שטעהט מען ביי אייך פריה אויף!

„היינט איז דער ערשטער טאָג פון אונזער שניטצייט — און וואָס קען דעם מענשען ליעבער זיין, ווי צו זאַמלען די ערשטע פרוכט פון זיין אַרבייט? ווען איהר וועט האָבען לוסט, מעגט איהר אונז אַ וויזיט מאַכען ביי אונזער ליעבער אַרבייט. די הויזדיענסטען האָב איך געבאָטען

איך פריהשטיק צו געבען און נאָכהער דעם וועג צייגען, ווען איהר וועט וועלען צו אונז אין פעלד קומען. נו, אַ גוטען טאָג! צום ווידערזעהן!

עס איז געווען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע: מנוה, די פרוי, די פאַמיליע, קנעכט, דיענער, אַרבייטער. אַ לאַנגע צייט האָב איך זיי נאָכגעקוקט, איבערהויפּט האָב איך מיינע אויגען ניט געקענט אָפּרייסען פון דער שעהנער טאָכטער, וועלכע נעהט גלייך מיט אַלעמען אין פעלד צו דער אַרבייט, געקליידט ווי אַ עכטע בויערין אין אַ קורצען רויטען ראָק, דען סערפּ אויפ'ן אַקסיל, די טריט זיכער און פעסט, די בעוועגונג פריש, לעבענדיג און רייצענד, דאָס לאַנגע האָר פריי פלאַטערנד פון ווינד. ווי פערצויבערט בין איך שטעהן געבליבען ביי'ם פענסטער ביז זי איז פערשוואונדען געוואָרען און איך האָב זי מעהר ניט געקענט זעהן. דאַן טהו איך זיך געשווינד אָן, עס איך מיין פריהשטיק און געה גלייך אויפ'ן פעלד, די דיענסטמיידיל ווייזט מיר דעם וועג, מעהר אָבער מיין האַרץ, מיין אינווענדיג הייסעס געפיהל.

דאָרט זענען געווען אַלע הענד פול אַרבייט, יעדער פלייסט זיך אָם מייסטען אויסצוצייכנען, דאָס ביישפּיעל רייצט אויך מיך צו ווייזען מיינע געשיקליכקייט. ביי מיינע עלטערן האָב איך עס אַ מאָל ערלערענט. איך בעקום אַ סערפּ און אַרבייט פלייסיג און פלינק.

מנוה קוקט זיך צו און זאָגט:

— „אָ, איך זעה אַז איהר זייט מיט דער אַרבייט גוט בעקאַנט.

— יאָ — ענטפער איך — איך בין דערצו געוואוהנט פון קינדהייט אָן.

— אָך, ווי נעהמט מען האָטש אַ צעהנדליג אַזעלכע טיכטיגע אַרבייטער ווי איהר עס זייט!

די ווערטער ערמונטערען מיך נאָך מעהר, ווייל איך בעמערק, אַז אויסער דעם ווירטה קוקען מיט וואוהלגעפעלען אויף מיין אַרבייט נאָך אַ פּאָר יונגערע בליציגע אויגען.

פלוצלינג ווערען מיר אַלע אויפגעציטערט פון אַ וועה־געשריי וואָס איז דורכגעדרונגען דורכ'ן האַרץ: רבקה האָט זיך פערטראַכטערהייט מיט איהר סערפּ אין פוס געטראָפען און זיך געמאַכט אַ טיעפע וואונד. זעהענדיג איהר בלוט איז מיר דאָס האַרץ פערגאַנגען. ווי אַיין פייל פון בויגען בין איך צו איהר געשפרונגען, אין איין רגע האָב איך מיר אויסגעריסען איין אַרביל פון מיין העמד, איינגעטונקט אין וואַסערקרוג און דערפון געמאַכט איין באַנדאַזש, אום דעם שענען מעדכען איהר וואונד צו פערבינדען. איין ציטערען ערגרייפט מיר אין אַלע ביינער בעת איך האַלט איהר צאַרטען פוס אין מיין האַנד, אָבער באַלד מאַך איך מיר אַ פעסטעס האַרץ און בערבינד איה די וואונדע געשיקט און פלינק, דאָס בלוט האָט אויפגעהערט צו רינען און די שענע אויגען פון דעם מעדכען בעלוינען מיך מיט אַ דאַנקבאַרען בליק. די עלטערן קוקען אויף מיר מיט וואוהלגעפעלען און דער פאָטער זאָגט: אָ, איך זעה, דאָס איהר זייט ניט נור אַ גוטער שניטער נאָר אויך אַ גוטער הירורג.

— פאַר וואָס דען ניט? — ענטפער איך — דאָס איז אייגענטליך דיזעלבע זאַך: ווי איינער אַזוי אויך דער אַנדערער ערהאַלטען דאָס לעבען פון מענשען. דאָך איז בעסער צו זיין אַ הירורג ביי אייער טאָכטער ווי אַ שניטער אויף אייערע פעלדער ווייל איין דאַנק פון איהר איז טייערער ווי אַלעס אין דער וועלט.

— מיינט איהר עס ערענסט? — זאָגט דער פאָטער צו מיר פערוואונדערט. מיינט איהר אפשר צו שפּילען די ראָלע פון יַעֲקֹב־אָבִינוּ?... ווייסט, אַז איך בין קיין לָבָן־הָאֲרַמִּי — איך בין אַ עהרליכער מאַן חלעבין!

מיין האַרץ ערציטערט דאָס הערענדיג, איך בלייב שטיל, ווייל איך האָב מיך אויף אַזאַ געשפּרעך ניט געריכט, ערענסט נעהם איך מיך צו דער אַרבייט. צעהן אַ זייגער האָט מען אונז געבראַכט ברויט מיט עסיג צום פריהשטיק. מיר האָבען זיך צוזאַט געגעסען און אַ האַלבע שָׁעָה אָפּגערוהט.

צו מיטאָגס־צייט מאַכט מיר דער ווירטה דעם פאָרשלאָג ביי איהם אַלס אַרבייטער צו פערבלייבען. מיט פרייד בין איך מסכים דערצו.

אַזוי נעהען פאָראיבער איינינע וואָכען אין אַנגענעהמער אַרבייט און פערגניגטער רוהע. באַלד האָב איך מיך איינגעוואָהנט צום אָרט און צו די מענשען, און איך בין געוועזן מיט זיך העכסט צופריעדען.

איין מאָל אין דער צייט פון אָבענד האָט מיך עפּיס אַ ציה געטהון אַרויסצוגעהען שפּאַציערען און צו בעטראַכטען אַרום די געגענד. געהענדיג פערטראַכט בין איך ביסליכווייז אַריין אין אַ געדיכטען וועלדיל. צווישען די געדיכטע בוימען צייגט זיך אַ בלאַסער שיין פון דער לְבָנָה וואָס איז נור וואָס אויפגעשטיגען פון הינטער איין בערגיל. איינע וואונדערבאַרע שטילקייט הערשט אַרום. די פויגעליך זענען איינגעשוויגען און די גאַנצע נאַטור איז ווי איינגעדרעמילט. איך זעץ מיך אונטער אַ בוים אין טראַכט ניט וועגען דער פערגאַנגענער צייט נאָר וועגען דער צוקונפט. אויפ'ן זינען איז מיר אַרויף דער חָלוֹם וועלכען איך האָב געזעהען אין דער ערשטער נאַכט אָנקומענדיג אַהער. איך האָב נאָך מיט רבקה'ן קיין וואָרט גערעדט, אָבער אונזערע אויגען האָבען זיך פערשטאַנען און געפיהרט זייער שטומען שמועס יעדעס מאָל ווען מיר האָבען זיך בעגעגענט. זייער שטומעס געשפּרעך איז מיר געווען קלאָר און זעהר ליעב, טראַכטענדיג פון דעם האָט מיר מיין גייסט פאָרגעפיהרט ליעבפאָלע בילדער און דאָס האַרץ האָט געטאַנצט אין מיר פאַר פרייד. פלוצלינג דערהער איך איין שענעם האַרפענשפּיעל און באַלד דערויף אַ זיסע זינגענדע שטים, איך בין ווי פערצויבערט. מיר ווייסט זיך אויס דאָס אַ מַלְאָך פון הימעל איז אַראָבגעשטיעגען אין דעם שטילען איינזאַמען וועלדיל, אום אויסצופרובען זיין שענע שטים און פונאַנדער גיסען הימלישע מוזיק. איך שטעה שטיל אויף און געה אויף די שפּיטץ פינגער צו יענעם אָרט פון וואַנען עס הערט זיך די שטים. דאָס איז געווען אַ ליעבעסליעד פון אַ יונג מיידיל, וועלכע ביינקט זעהר נאָך איהר הערצענס־געליעבטען, זי שטעהט איהם אַזוי נאָהנט, און דאָך איז ער פון איהר ווייט, און לעבט מיט וועניג האָפנונג, ער זאָל אַמאָל געהערען צו איהר.

מיט גרויסען פערגניגען הער איך דעם געטליכען געזאַנג, עס איז מיר געווען ווי אַ שטים פון הימעל. די שטים האָט מיך צו זיך געצויגען, ווי אַ מאַגנעט, ביסליכווייז האָט זי זיך אַליין נעהנטער געהערט, איך קום אויף אַ פרייען פּלאַטץ אין מיטען וועלדיל — דאָ ווער איך ווי פערשטיינערט — דאָרט זיצט מיין טהייערע רבקה'לע פערטראַכט, פערטיעפט אין געדאַנקען, ערגריפען פון טיעפען געפיהל. איין האַנד אויף איהר הויכגעוועבטען שטערן, די אַנדערע אויפ'ן האַרצען, די האַרפע נעבען איהר רעכטס. איך שטעה שטיל, די אויגען געווענדעט צו איהר, דאָס האַרץ קלאַפּט מיר ווי מיט אַ האַמער, מיינע אויערן הערען ווי עס קלאַפּט מיין פולס, מיין אָטהעם שטעהט שטיל אום ניט צו שטערען די ליעבע זענגערין פון איהרע טיעפע געדאַנקען. מיט אַ מאָהל טהוט זי אַ טיעפען זיפץ און זאָגט: „אָך דו בייזער גאַסט, וואָס ווילסט דו? וואָרום בערויבסט דו מיר מיין רוה?"

מיינע גליעדער ציטערן, איך וויל צוגעהן נעהנטער, אָבער מיינע פיס זענען ווי אין קייטען געשמידט.

„דען זייט דו ביזט צו אונז געקומען, האָב איך קיין רוה, געפין איך מעהר קיין שלאָף" זאָגט זי ווייטער.

איך מאַך מיר איין האַרץ, געה צו איהר צו, מאַך זיך ניט וויסענדיג, אַקוראַט ווי איך קום צופעליגער ווייזע אויף דעם אָרט און בעגריס זי.

זי הויבט אויף די אויגען, ווערט זעהר דערשראָקען און וויל אַנטלויפען. איך אָבער האַלט זי אויף און זאָג צו איהר:

— אַנטלויף פון מיר ניט, ליעבעס קינד! איך קום צופעליג, איך האָב דאָ שפּאַציערט און מיט איין מאָל דערהערט אַ ליעבען געזאַנג, בין איך געגאַנגען נאָך דער שטים און אַהער געקומען.

דאָס מיידיל שטעהט צומישט און שווייגט.

— דאָס איז אָבער אַ גליק פאַר מיר, איהר מאַכט מיר לייכט מיין האַרץ פאַר אייך צו עפענען. שעמט זיך ניט, דאָס איך האָב אייער געזאַנג געהערט. איהר האָט ניט מיר געמיינט, און נור מיט די בוימען פון וואַלד גערעדט. איך אָבער געפין מוטה מיט אייך אָפען צו רעדען. הלואי זאָלעי אַזוי מיינע רייד אין אייער האַרץ אַריינדרינגען, ווי אייערע רייד

לייט חֲסִידִישֶׁע אין מִתְנַגְדִישֶׁע ... די אַלע לעגענדען לייעגען זיך אין ד״ר וויענערס בוך מיט גרויס אינטערעס. פֿון פֿאָלקס מַעֲשׂוֹת געהט ער נאַטירליך איבער צום פֿאָלקסגעזאַנג, ברייננט פיעל פֿאָלקסליעדליך, פשוטע ניט קיין געקינצעלטע, נאָר אֱמֶת פאָעטישע און מיט גרויסען געפיהל. עס איז נור צו בעוואונדערן וואו האָט זיך געקענט ד״ר וויענער אויסלערנען אזעלכע ליעדעליך וואָס אין דער ליטעראַטור געפינט מען זיי ניט און מען קען זיי נור הערען אָדער ביי אַ שניידער ביים וואַרשטאָט, אָדער, אין אַ פאָדריאַד פאַר פֶּסַח ביים מַצוֹת רעדלען ...

נאָך דעם געהט הער וויענער איבער צו די ערשטע ליטעראַרישע ווערק אין זשאַרגאָן, ער בעשעפֿטיגט זיך מיט איניגע שִׁירִים פון לעוונזאָהן; מיט צווייפֿעלס מַגִידוֹת־פּאָעזיע. זעהר ריכטיג דערמאַנט דער מְחַבֵּר צום גוטען צעדערבוים׳ס „קוֹל מְבַשֵׂר“ מיט אַלע זיינע מיטאַרבייטער. פֿון „קוֹל מְבַשֵׂר“ געהט ער איבער צום „יודישען פֿאָלקס בלאַט“, אין וועלכען נאָך זיינע מיינונג האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען די ערשטע יודישע געדיכטע, וואָס פֿערדיענען דעם נאָמען פֿאָעזיע, ווי צ. ב. י״ל גאָרדאָנ׳ס פּאָעמען, קליינע געדיכטע פון ש. ראַבינאָוויץ (שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם) וועלכען עס איז בעשערט דערנאָך צו פֿערנעהמען אַזאַ געהויבענעם פלאַץ אין דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור. רעדענדיג וועגען פּאָעזיע, גיט ער שוין אַגַב אוֹרְחָא אַ צעפ־טאַקי מעהר ניט אָבער ווי אַ צעפ—מיכל גאָרדאָנ׳ן, אליקום צונזער, גאָלדפֿאַדען. אסך בּרייטער רעדט ער וועגען פֿרוג׳ס און פרי׳ץ׳ס שִׁירִים, און גיט זיי אב דעם וואָהלפֿערדיענטען לויב! דורכלויפֿענדיג, אין חאַפעניש, ווי דער שטייגער איז פֿון אמעריקאַנער׳ דערמאַנט ער יְהוֹאָש, ראָזאַ גאָלדשטיין, דוד פֿרישמאַן, זאַטולאָווסקי און פ. זאַמאָשטשין.

דעם גרעסטען טהייל פֿון זיין בוך פֿערנעהמט די געשיכטע פון דער פּראָזאַאישע ליטעראַטור, וועלכע ער צוטהיילט אויף 3 חלקים:

I פֿון 1863—1817. אין דעם טהייל בעמערקט ער די חִבּוּרִים פון אָקסענפעלד, ד״ר עטטינגער, גאָטטלאָבער און גיט איבער אין קורצען אינהאַלט פֿון זייערע ווערק.

II 1881—1863. די הויפּטפּעזראָן פֿון דער צייט, איז, ווי עס פֿערשטעהט זיך פֿון זעלבסט, ש. י. אַבראַמאָוויץ. מיט פֿיעל וואַרעמקייט, און געפיהל ערצעהלט ד״ר וויענער, ווי דער דאזיגער טאַלאַנט האט זיך ביסליכווייז ענטוויקעלט און ברייננט פֿיעל אינטערעסאַנטע בעמערקונגען פֿון זיין לעבען. דער קריטיקער שאַצט אין אַבראַמאָוויץ׳ן ניט נור דעם קינציגען מאַלער פֿון לעבענסבילדער, נאָר ער פֿעררעכענט איהם נאָך — און גאַנץ ריכטיג — פֿאַר אַ גרויסע מַעֲלָה זיין גוט האַרץ, זיין ליעבשאַפט צו נידריגע פֿאָלקסקלאַסען וועלכע ער שילדערט. מיר וואָלטען נור בעמערקט דעם מחבר, אַז אַנשטאַט זיך צו פֿערנעהמען מיט אַ זעלכע נעבענזאַכען, וועלכע שרייבער האָבען אויף אַבראַמאָוויץ׳ס טאַלאַנט דעם גרעסטען איינדרוק געמאַכט, וואָלט גלייכער געווזען, קריטיש צו בעהאַנדלען אַבראַמאָוויץ׳ס מייסטערווערק: „פישקע דער קרימער“, די קליאַטשע און געבען זיינע לעזער אַ ריכטיגעס בילד פֿון דעם דאָזיגען יודישען — עכט יודישען — טאַלאַנט, ניט ווי ער מאַכט עס אוועק אַבי ווי. ער דאַרף ניט פֿערגעסען אַז די אויפֿגאַבע פון אַ זאַ בוך ווי ד״ר וויענער׳ס, איז צו ערוועקען אַ אינטערעס צו דער פֿאָלקסליטעראַטור. נאָך אַ ערגערן אָבשניט האָבען ביי וויענער׳ן די קלענערע מחברים א. מ. דיק, לינעצקי, שאַצקעס, פון זיי זאָגט ער גאָר אַפּאָר ווערטער פון יוֹצֵא וועגען און דאָ געהט ער איבער צום לעצטען פרק צום

III פֿון 1881 ביז היינטיגען טאָג.

דאָ לעזען מיר דעם אינהאַלט פֿון אסך ווערק פון ספעקטאָר, איזאַבעללאַ, דינעסזאָהן. אנרופען דאָס קריטיק — איז ניטריכטיג, עס איז אַ פְּשׁוּטה איבערדערצעהלונג פון אינהאַלט, אָהן וואָס־פֿאַר־עס־איז קריטישע בעלייכטונג. צום סוֹף זאָגט ער אַפּאָר ווערטער, וואָס בעטייטען כִּמְעַט גאָר ניט: „דאָס איז אַ ריכטיגעס, שענעס, פּראַכטפֿאָלס בילד פון יודישען לעבען“, און נאָך אַ זעלכע אַלגעמיינע פֿראַזען, וואָס נאָך זיי קען מען זאָגען צוזאַמען מיט פויסט׳ן: „אונד נון שטעהע איך דא, איך דומער טהאָר, אונד בין נור זאָ דומם ווי צופֿאָר“! אויסער דעם האָט נעביך ד״ר וויענער — לא עֲלֵיכֶם — גאָר אַ קורצען זִכָּרוֹן, פְּשׁוּט, ווי ווייבער זאָגען, אַ קאַצענקאָפּ. אין איין אָרט זאָגט ער: „דאָס בעסטע פון פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי׳ס ווערק איז דאָס און דאָס“ — אין 2 זייטען אַרום לייענען מיר ווייטער: „דאָס שענסטע פֿון דעם פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי׳ס ווערק און דַוְקא דעם אייגענעמס — איז י ע נ ע ס“ און אַלץ מיט אייגענע ווערטער, היינט זיי אַ קלוגער און פֿערשטעה, וועלכעס ווערק געפֿעלט דעם ד״ר וויענער בעסער ...

שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם׳ן שיט ער אָן אַפֿולע היטעל מיט קאָמפּלימענטען. נו, מֵהֵיכָא תֵּיתֵי, ער איז דאָס טאַקי ווערט, נאָר פֿאַר וואָס ווייזט אונז ד״ר וויענער ניט, פֿאַר וואָס ער לויבט אַזוי שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם׳ן? פֿאַר וואָס האַלט ער זיין אייגענע מיינונג איבער איהם בְּסוֹד און שיקט אונז אָב צו די רעצענזיעס אין „וואָסחאָד“? וואָס איז, זיין נְשָׁמָה איז ח״ו פֿון קלאָטשע, און קיין אייגענע דֵעָה האָט ער גאָר ניט? —

עפּיס לייטישער בענעהמט ער זיך קעגען פרי׳ץ׳ן. עס זעהט אויס אַז דאָס איז זיין ליבלינגס־מְחַבֵּר. ער מאַכט איהם איין אָרט אין מזרח וואַנד פֿון אונזער פֿאָלקסליטעראַטור און גיט איהם אָב דאָרט דוקא די ערשטע „שטאָדט“. גאַנץ ריכטיג בעמערקט ער וועלכע שטרעבונגען פרי׳ץ פֿערפֿאָלגט אין זיינע ווערק, און דא „צייכנט זיך אין דער קירצע דער מייסטער“. אין עטליכע ווערטער כאַראַקטעריזירט ער אויסגעצייכנעט פרי׳ץ׳ס אידעען. „פרי׳ץ ווינשט אַז די אָרימע אָרענטליכע לייט וואָס וועלען האָבען דעם גרעסטען חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא, זאָלען טאַקי גליקליך זיין אויף ד ע ר וועלט אויך“. אונז שיינט אז דאָס איז אַ גאַנץ ריכטיגע כאַראַקטעריסטיק פון פרי׳ץ׳ס בעשטרעבונגען. „צוליעב די דאָזיגע אידעען — זאָגט ווייטער ד״ר וויענער — איז פרי׳ץ איינגעטרעטען אין די רייהען פֿון זשאַרגאָנשרייבער, חאָטש ער שטעהט העכער פֿון אלע, „זיינע פּראָפּעס־אָנסברידער“.

וואָס ד״ר וויענער איז אויסגעצייכנעט געלונגען אין זיין ווערק, דאָס איז אַ ריכטיגעס בילד פון אַלע שטרעמונגען אין יודישען לעבען, וואָס האָבען זיך אויסגעדריקט אין דער ליטעראַטור. ווען אפילו עטליכע ערטער זענען אין זיין בוך שוואַך בעאַרבייטעט, אָבער דעם א ל ג ע מ י י נ ע ם פלאַן אין דער ענטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אין צוזאַמעהאַנג מיט אונזער לעבען — דאָס האָט ער קונציג פֿאָרגעשטעלט.

אַלס ביילאַגע צו זיין בוך גיט ד״ר וויענער אַקורצע זאַמלונג קליינע אָבזעטצע פון פֿערשיעדענע ווערק מיט יודישען טעקסט און ענגלישער איבערזעטצונג און אַ גאַנצע איבערזעטצונג פֿון פרי׳ץ׳ס „באָנטשע שוויינ“. אין גאַנצען גענומען — איז „ד״ר וויענער׳ס בוך אַ וויכטיגע נייעס אין אונזער ליטעראַטור, און מיר קענען איהם ווינשען גוטען ערפֿאָלג. געוועהנליך וואָלט ניט געשאַדט אַז צו אַזאַ מִין אַרבייט זאָל זיך נעהמען אַ ספּעציאַליסט, וואָלט עס ביי איהם ארויס געקומען אַסך ערנסטער און לייטישער. נאָר ביז יעצט איז דאָס בוך אַ בֶּן יְחִידוּת, מוז מען דאָס האַלטען ציטעריג און עס איז אַ שאָד, וואָס עס איז געשריבען אין ענגלישער שפּראַך, וואָס ניט פֿיעל פֿערשטעהען זי.

מ. נ. סירקין.

---

## בריעף־קאַסטען.

הערין ל. פ. די „בעסעדא“ איבער דער „פריצינע“, וואס די רבנים „אוצאסטוואוועו“ ניט אין דער „דוויזשעניע“, איז פֿאר אונזערע צ י ט א ט ע ל ע ס צו וועניג פ א נ י א ט נ ע.

ה׳ י.—ץ. מיר קענען אייער ארטיקעל ניט דרוקען, ווייל איהר האט זיך ניט אונטערגעשריעבען. קיין ארטיקלען ווערען ניט אויפֿגענומען אהן די אונטערשריפֿט און די אדרעסע פֿון שרייבער. נאך פֿערלאנג ווערט דער נאמען פֿון שרייבער געהאלטען אין רעדאקציע בסוד.

עס קענען ניט געדרוקט ווערען: „שם טוב“, ביי דער הרובע מנחה צייט“, „שלעכט געשדכנט“, „אויפ׳ן ליטעראַרישען מארק“, „בריעף פֿון קליינע צו גרויסע“, „דער יודישער מלמד“, „דער וואונדערליכער נס“, „ס׳איז כדאי צו זיין א גביר“, „דער ארימער יונגעל“, „שלאג מיך, נאר הער מיך אוים“, „יודישע פרנסות אין די קליינע שטעדטליך“, „חברה לייט“, „די פארטעפיאנע“.

Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau.

# געזעלשאפט „כרמל“ ווארשא

אויסשליסליכער פערקויף פיר גאנ׳ץ רוסלאנד

# פון נאטירליכע וויין און קאניאק

וועלכער ווערד אויסגעארבייט

איז די וויינגערטנער

פון די

## יודישע קאלאניעס

און

## ארץ ישראל




דער עטיקעט איז בעשטעטיגט פון דער רוסישער רעגירונג.




די מארקע איז בעשטעטיגט פון דער רוסישער רעגירונג.

„צו לויבען דעם כרמל-וויין און קאניאק איז גאנץ איבריג, ווייל זייא זענען שוין אנערקאננט פון די גראָססטע פאכלייטע פיר איינציג נאטירליך און ריין און קעננען קאָנקורירען מיט דיא בעסטע פראנצאָזישע און „אנדערע אויסלאָנדישע פיינסטע סאָרטען“.

הויפט-קאנטאר אין ווארשא, נאלעווקי נ׳ 2, טעלעפאן נו׳ 1433.

אדרעססע פיר בריעף: Товаричество Кармелъ Варшава. פיר טעלעגראממען: Варшава Кармелъ.

אבטהיילונג פיר זיד-רוסלאנד אין אדעססא רישעליעווסקאיא אין דעם הויז פון ה׳ בארבאש:

אדרעססע פיר בריעף: Товарищество Кармелъ Одесса. פיר טעלעגראממען: Одесса Кармелъ.

צו אדעססער ראיאן געהערען די גובערניעס: חערסאן, קישיניעוו, יעקאטע׳ נאסלאוו, פאדאלסק, קיעוו, חארקאוו, פאלטאווא, קרים און קאווקאז.

## אונזערע וויינען און קאניאקען בעקומט מען אין אלע וויינהאנדלונגען

כדי צו בעווארנען כרמל-וויין און קאָניאקען פון נאכגעפעלשטע, פערקויפען מיר א זערע וויינען און קאָניאקען נור אין פלעשער פערזיגעלט מיט אונזער סטעמפעל און פערקניפט מיט דער פלאָמבע פון „כרמל“.



לידע להודיע ולהודע! ווארשויער נייא-זילבער פאן עכט ווייסען מעטאל, לעפעל, גאבעל, מעססער, סטאלאווע דעסטערנע צו טייא אונד אלעם מעגליכע ביי **שמואל שטערן ווארשא**, גראווירט בוכשטאבען „ציון“ אויף אלעם אומזאָנסט.

אדרעסע: **Skład fabryczny Sz. Sztern, Warszawa, Pawia 8.**



יצא לאור

## „האשכול“ כרך שלישי

מחירו: באוסטריה-אונגריה 1.30 ר״כ, באשכנז 2.30 מארק ברוסיה 1.30 רו״כ, בשאר ארצות 3.25 פראנק. לפנות רק אל עורכו ומו״לו:

**Dr. J. GÜNZIG, BIALA b. Bielitz.**

ברוסיא נמצא להמכר גם אצל חברת „אחיאסף“ ע״פ האדרעססע

Verlag „Achiasaf“, Warschau.



## מוטטערקארן

אזעלכע שווארצע קערנער וואס ס׳וואַקסט צווישען קאָרן, קויף איך יעדען פאָסטען אונד צאַהלע דען גרעסטען מקח נגד מזומן.

D. Andermann, Brody (Austria).



## די פאלקסגעשיכטע פון גרעטץ געבונדען!

אונזערע אבאָנענטען וועלכע ווילען בעקומען די פאָלקסגעשיכטע“ געבונדען אין 2 פראכטבענדער (ענגלישע ליינוואנד מיט נאָלדענע בוכשטאבען און שענע פערציערונגען) דארפען צאָהלען בעזונדער פיר דעם איינבאנד 60 קאפ׳, אלזאָ וועט קאָסטען פאר די אבאָנענטען פון „יוד“ די פאָלקסגעשיכטע געבונדען אין 2 בענדער — 1,60 ר׳ (מיט פארטא 2,10 ר׳).

**Verlag „Achiasaf“, Warschau.**

## פאבריק און סקלאד פון פלאשען־קארקעס

ל. בלייבערג, ווארשא, פראנציסקאנסקא נר' 16.

בריעף־אדרעסע:

L. BLEIBERG, Warszawa, Franciszkańska Nr. 16.



זילבער וואארען־פאבריק פראבע 84 עט פלאטעע וואארען

## S. SZEKMAN

ווארשא דזיקאשטראססע נר' 10 מאגאזין נאלעווקי נר' 20.

Fabryka Dzika 10

פערפערטיגט עכטע זילבער וואַרען פאם איינפאכסטען ביז טהייערסטען, האלטעט רייכעס לאגער אין עסס-בעשטעקע, פערשידענע סערוויזען, לייכטערן, קאנדילאב-רען, חנוכה לאמפען, בשמים ביקסען, צוקער-דאזען, בע-כער, כתרים, עץ-חיים, ידן א"זוו. דאס יעדער אויפטראג און יעדער אויסוואהל זאפארט עפפעקטירט ווערדען קאן. אללעס צו פאבריקס פרייזען.



כתר תורה

Magazyn Nalewki 20.

נימט אן אלטע זילבער צו גוטע פרייזען



## אַ נייעס, אַ וויכטיגער און אַ זעלטענער ער־שיינונג אין דער זשארגאנישער ליטעראטור.

עס איז ארויס פון דרוק אַ נייער ספר אין ריין זשארגאן מיט דעם נאמען

## מצב ירושלים ובנין אריאל

מיט פיעלע ריכטיגע ציורים.

אין דעם ספר ווערט בעשריבען ווי אזוי די הייליגע שטאדט ירושלים און אלע הייליגע געגענדען פון ארץ ישראל, ווי דער ערשטער בית המקדש וואס שלמה המלך ע"ה האט געבויעט, אויך ווי דער צווייטער בית המקדש וואס הורדוס האט ערנייערט האבען אויס געזעהן אין אונזערע גוטע צייטען, ווען יודען האבען זייער אייגענע מלוכה און זייער אייגענע לאנד געהאט, ווען אלע פעלקער פון דער גאנצער וועלט האבען בעוואונדערט דעם פראכט אין גלאנץ פון בית המקדש.

דער ספר וועט עפענען דיא אויגען פיעלע פון אינזערע זשאר-גאנישע לעזער. לעזענדיג איהם וועלען זיי זעהען וואס פאר א גרויס און רייך פאלק יודען זענען א מאל געוועזען. ניט איין מענשען וועט דיזער ספר ארויס רופען טרערען, לעזענדיג וואס מיר האבען אמאל געהאט, און נאכהער אנגעווארען.

דער ספר איז ארויס גענומען געווארען פון ריכטיגע קוועלען פון הלמוד, אויך פון ענגלישע, פראנצויזישע און רוימישע מאנוסקריפטען, וועלכע מען האט געפונען אין וואטיקאן אין רוים. אויך פון די שריפטען וואס די געזאנדטע פון הלמי המלך, דער קעניג פון מצרים, האבען בעשריבען.

מיר דאפפען אז יעדער פון די לעזער, וועט צופריעדען זיין פון דיזען טייערען ספר, און וועט דאנקבאר זיין דעם הערויסגעבער.

פרייז 30 קאפ' מיט פארטא.

## יצחק פונק אין ווילנא.

**Buchhandlung ISAAK FUNK, WILNO.**

ווער עס שיקט מארקען זאל זיי ארייןלעגען אין א בעזונדער פאפיער כדי זיי זאלען זיך נישט צוזאמען קלעבען. דער פרייז 30 ק' איז נאר פאר די וועלכע שיקען ארויין דאס געלד פאראויס. דער וואס וויל בעקומען פר. נאכנאמע דעם קאסט דער ספר 47 קאפ.



איך בעט צו שרייבען מיין אדרעסע ריכטיג יצחק פונק ווילנא. די וועלכע האבען געשיקט צו מיר געלד ע"פ טעות אויף דעם נאמען: פינק (מיט i שטאט מיט u) זאלען זא גוט זיין אנגעבען א זאאוו-לעניע אויף דער פאסט מען זאל ארויסגעבען דאס געלד אויף די אדרעסע:

**ISAK FUNK, WILNO.**

יצחק פונק, ווילנא.



## גאלוואנישע אַנשטאַלט

יהושע טייטעלבוים ווארשא, דזיקא 18.

נימט אן צו פערגילטען, פערזילבערן, פערניקלען, אקסידירען אונד בראנזירען פערשיעדענע מעטאל־ארבייט. אויך ווערדען אנגענאממען אלטע זילבערנע אונד פערזילבערטע כלים אויפצופרישען ווי נייא, צו מעסיגען פרייזען, גאראנטירט פידרויעהאפטיגקייט. בריעף־אדרעסע:

**Sz. Teitelbaum, Warszawa, Dzika 18.**



## צוקקער־קאלליאר כשר לפסח.

עס איז צו בעקומען ביי אונז צוקקער־קאלליאר פסחדיגע בהכשר הרב הגאון ר' זרח דיישקין.

Zucker Koller-Fabrik in GRODNO. Vorstadt.



Открыта подписка на 1900 годъ

**НА ЕЖЕДНЕВНУЮ ГАЗЕТУ**

# „ВОЛЫНЬ".

ПОДПИСНАЯ ЦѢНА:

| | | | |
|---|---|---|---|
| На 12 мѣс. | 6 руб. | На 3 мѣс. | 1 р. 50 к. |
| На 6 мѣс. | 3 руб. | На 2 мѣс. | 1 р. 10 к. |
| На 4 мѣс. | 2 руб. | Помѣсячно | — р. 60 к. |

РОЗНИЧНАЯ ПРОДАЖА №№ ПО 5 КОП.

**Подписка принимается** въ г. Житомірѣ, въ главной конторѣ редакціи, по Большой Бердичевской улицѣ, въ Архіерейскомъ домѣ.

*Редакція отвѣчаетъ за исправную доставку газеты лишь въ томъ случаѣ, если подписка принята въ Главной Конторѣ.*

**Контора газеты открыта ежедневно, за исключеніемъ дней праздничныхъ, отъ 9 час. утра до 6 час. по полудни.**


*Редакторъ-издатель Г. Н. Коровицкій.*